# ארכיוו

אויסגעקליבן פון די אידישע ארכיוון • מגיה געווען • צוויי מאל א וואך

נומער 30 • מאנטאג, כ"ד שבט תשפ"ז • 1טן פעברואר 2027 • די וואך פון פרשת משפטים

חֲנֹךְ לַנַּעַר עַל פִּי דַרְכּוֹ גַּם כִּי יַזְקִין לֹא יָסוּר מִמֶּנָּה

משלי כב, ו




## אין דעם נומער

**שלא לשמה אין חינוך**
ליטוואק פון בודאפעסט • הויפט־ארטיקל

**דער טויער צו מאטעמאטיק**
פארוואס? • וויסנשאפט

**א טאג ביים קינדערגארטען־מלמד**
שאץ מאץ • איבערלעבונג

**דער חינוך מיתוס**
יאיר און די לייענער • שמועס

**די ערשטע בחור'ישע גליונות**
שמעלקאפ'לע • היסטאריע

**אברהמ'עלע מלמד ליגט אין שנייי**
הומאר • Yentash

נומער 30 • מאנטאג, כ"ד שבט תשפ"ז
1טן פעברואר 2027 • די וואך פון פרשת משפטים

# ארכיוו

הקדמה

# חינוך: א נומער וועגן חדר, ישיבה און מלמדים

„חנוך לנער על פי דרכו" – אזוי האט שלמה המלך געזאגט, און אויף די פארומס האט מען זיך קיינמאל נישט אויפגעהערט צו דינגען וואס דאס מיינט. דער נומער איז געווידמעט א טעמע וואס יעדער פון אונז האט דורכגעמאכט אויף דער אייגענער הויט: חינוך. דער חדר און די ישיבה, דער מלמד און דער טאטע, דאס צוקערל און די טאשקע.

אינעם הויפט־ארטיקל פרעגט „ליטוואק פון בודאפעסט" א שארפע קשיא: מיר גיבן קינדער פרייזן כדי זיי זאלן לערנען, און די פעדאגאגן זאגן אז דאס איז א טעות – ווער איז גערעכט? ער גייט צום רמב"ם און קומט ארויס מיט א סברא. אינעם שמועס פון דער וואך טענהט „יאיר" אז דער גאנצער חינוך איז א מיטאס, און די ליינער ענטפערן אים – מיט ערנסט, מיט פסוקים און מיט א ביסל שפאס.

„פארוואס?" עפנט דעם טויער צו מאטעמאטיק און ווייזט ווי אזוי מען געפינט דעם באהאלטענעם x. „שמעלקא'לע" גייט נאך די היסטאריע פון די בחור'ישע גליונות, פון אמסטערדאם מיט דרייי הונדערט יאר צוריק ביז וואלאזשין, וואו דער נצי"ב האט עס נישט דערלויבט. א קינדערגארטען־מלמד פירט אונז דורך זיין טאג אין חדר, און דערציילט וואס זיינע תלמידים האבן אים געענטפערט אויף דער פראגע: פארוואס ווילט איר זיין א טאטע? אינעם קולטור־ווינקל ווייזט זיך ארויס אז אפילו „קמץ אלף אָ" איז נישט אזוי פשוט, און אין הומאר שטעלט „Yentash" א מיליארד קשיות אויף „אברהמ'עלע מלמד ליגט אין שניי".

אין די פערל: וואס ליגט אין דעם מלמד'ס טאשקע, א „האטליין" פאר טאטעס, וועז מען שיקט א קינד אין חדר, און וויפיל פורים־געלט מען גיט דעם רבי'ן. אין „היינט מיט . . . יאר צוריק": א „מלאך" וואס גיט א קוואדער פאר א ציין, און א שבת מיטן ראש ישיבת לוצערן.

אלע שטיקלעך זענען אויסגעקליבן און מגיה געווען; וואו מען האט פארקירצט, איז עס אנגעצייכנט. די פולע מקורות געפינט איר אויפן לעצטן בלאט.

**די רעדאקציע**

## אין דעם נומער


| | | |
|---|---|---|
| הויפט־ארטיקל | ענייני שלא לשמה אין חינוך • ליטוואק פון בודאפעסט | 3 |
| א שמועס פון דער וואך | דער חינוך מיתוס • יאיר, אפטעמיסט, פלאוויוס און אנדערע | 5 |
| וויסנשאפט • מאטעמאטיק | דער טויער צו מאטעמאטיק • פארוואס? און די ליינער | 8 |
| היסטאריע | היסטאריע פון בחור'ישע גליונות • שמעלקא'לע | 12 |
| איבערלעבונגען | א מלמד דערציילט • שאף מאף | 14 |
| קולטור • שפראך און מסורה | קמץ אלף – בכלל נישט אזוי פשוט • קמץ אלף און די ליינער | 18 |
| הומאר | דער ניגון: אברהמ'עלע מלמד • Yentash | 20 |
| קורץ און שארף | פערל פון די ארכיוון • פון די ארכיוון | 21 |
| היסטאריע | היינט מיט . . . יאר צוריק • פון די ארכיוון | 24 |
| קאלום | די תגובה פון דער וואך • וכדומה.. | 26 |
| מקורות | מקורות • די רעדאקציע | 27 |

הויפט־ארטיקל

# ענייני שלא לשמה אין חינוך

צוקערלעך, פרייזן און כבוד: מיר מוטיגן קינדער מיט שלא לשמה, און די פעדאגאגן זאגן אז דאס איז א טעות. א לומדישער חילוק, אויפגעבויט אויפן רמב"ם.

פון **ליטוואַק פון בודאפעסט**

קאווע שטיבל • חינוך • „ענייני שלא לשמה אין חינוך" • 24סטן יאנואר 2016
https://kaveshtiebel.sites.tab.bot/t/10068.html

ס'איז ברייט אנגענומען צווישן אונז אז שלא לשמה איז א גרויסע חלק פון חינוך. מ'גיבט צוקערלעך מיט פארמעסטן, מ'גיבט כבוד און אנערקענונג, מ'זוכט צו ווייזן פאר'ן קינד\בחור וואס איז די ווערד פון זיין לערנען און מ'באנוצט זיך מיט זייטיגע חשבונות אים ארייננצוזעקלען אינ'ם בית המדרש.

ווידער ביי דער גוי'ישער וועלט ווערט עס פארריכענט פאר א גרויסע'ן גרייז. צווישן חכמי הפעדאגאגיע און טעראפיסט'ן הייסט'ס א טעות מעיקרו. דאס קינד זוכט זיין פרס און ער וועט שוין נישט טון אומזיסט, ער לערנט זיך נישט אויס די ווערד פונ'ם לערנען, נאר פונ'ם פרס, און ס'איז נישט קיין וועג צו ערוועקן די אינערליכע כוחות פונ'ם קינד, נאר אים צו מאניפולירן.

מ'דערציילט דערצו א משל. אן אלטער מענטש האט געהאט א גרויסע פראבלעם; ער פלעגט יעדן טאג גיין אין גאס און די קינדער האבן אים אנגעווארפן מיט שטיינער, נאכגעשריגן און געמאכט ביטער זיין לעבן. וואס קען ער אבער טון? שלאגן? אנשרייען? דאס איז נישט קיין גאנג, און קלינגען זייערע עלטערן איז אים אויך נישט געווען בא'טעמ'ט, ביז ס'איז אים אריינגעפאלן אן עצה. די נעקסטע מאל וואס די קינדער האבן אזוי געטון, האט ער זיי צוגערופן און געזאגט אז פון דעמאלט און ווייטער גיבט ער א דאללאר פאר יעדן שטיין וואס מ'באווארפט אים דערמיט. אויף מארגן האבן זיי אים אנגעווארפן און ער האט געהאלטן ווארט, ער האט זיי באצאלט. אבער אויף איבערמארגן האט ער זיי צוזאמגערופן און געזאגט "איך קען זיך נישט ערלויבן אזויפיל געלט. פון היינט גייט די פרייז אראפ אויף פופציג צענט".

ווי זיי האבן דאס געהערט האבן זיי געשריגן, "וואס הייסט? מ'ליגט אראפ די פרייז?! אונז מאכן מיר שוין נישט!"

ווען מ'מאכט א פרייז פאר א זאך, ווערט דאס די איינציגסטע סבה דאס צו טון.

מ'זעט אזוי אין ישיבות אויך. איך האב געלערנט אין סאטמר פאלסבערג, א ישיבה מיט ווייניג השגחה. שפעטער אין בריסק איז געווען מערקבאר אז די זעלבע בחורים וואס פלעגן קומען באצייטענס צום דאווענען אין אמעריקא האבן געדאווענט באצייטענס אין א"י. אבער די בחורים פון קלענערע ישיבות וואס מ'האט זיי גע'רודפ'ט צו קומען צום דאווענען האבן שוין אסאך שנעלער אויפגעגעבן אין א"י, דאווענענדיג ביחידות (מ'האט געהאט א מאדנע מנהג אין א"י אז מאנטאג און דאנערשטאג נאכ'ן שיעור אין ישיבה, פלעגט א גרויסע ציבור גיין קיין זכרון משה הערן ליינען. כאילו זיי האבן זיך פלוצלונג געלערנט אז מ'דארף נישט דאווענען מיט מנין, אבער קריאה"ת דארף מען הערן). מ'האט זיי אויסגעלערנט אז מ'דאווענט פאר'ן ראש ישיבה, אבער ווען דער ראש ישיבה איז נישט דא, דאווענט מען שוין נישט.

און אזוי איז עס ביים לערנען. ווען מ'מאכט דער עיקר פון לערנען דאס הכנה פאר'ן דאווענען, צו דעם רצופות סדר, ווערט לערנען פארוואנדעלט אין א פרומקייט, א תיקון א וועג צוצוקומען צו עפעס אנדערש. ווען דער דגוש איז דאס אז מ'לערנט יעצט דער רצון ה' וואס מ'דארף צו טון אין די אומשטענדן, וואס וויל דער אויבישטער אז מ'זאל טון ווען מ'טרעפט עפעס אין גאס, וואס איז די סברת התורה ווען מ'בארגט עפעס און ס'צוברעכט זיך, וויאזוי האט דער אויבישטער געמאכט א מענטש אז דאס זאל זיין זיין ווילן, אזוי איז דאס לערנען אויפ'ן לשמה'דיגן אופן. מ'הייבט שוין אן מיט אזא תכלית פון טון דער רצון ה'. ווען ס'איז נאר אז די דערהויבענע צייט דארף מען אויסנוצן צו טון דער רצופות מתקן צו זיין עפעס, אדער צו געבן א מתנה פאר'ן רבינ'ס איינקעל'ס חתונה, אדער לרפואת דער רבינ'ס מאמע'ן, האט מען אוועק גענומען דאס אויג פונ'ם תכלית און פארדרייט אויף אן אנדערן ריכטונג.

ווער איז גערעכט? וואס זאגט דער תורה דערצו?

דער רמב"ם אין פיהמ"ש רעדט פון דעם מיט אן אריכות. און איך קלער איך האב א סברא אין דעם וואס זאל מיישב זיין דער נושא, און דער וואס דינגט זיך זאל ביטע זאגן זיינס און מ'וועט קענען ארומשמועסן.

ז"ל הרמב"ם (הקדמה לפרק חלק) – [דער לשון פונעם רמב"ם שטייט אינעם קעסטל ביים סוף פונעם ארטיקל.]

## ווען מ'מאכט א פרייז פאר א זאך, ווערט דאס די איינציגסטע סבה דאס צו טון.

דער תמצית דערפון איז, געטייטשט אויף דזשארגאן, ווען א קינד גייט אין חדר, פארשטייט ער נישט די מעלה פון לערנען, גיבט מען אים א קלייניקייט וואס לויט זיין שכל איז עס גוט, א שטייגער פון ניס אדער האניג, און ביים קינד זענען די זאכן זיסער ווי דער תורה, און ער לערנט כדי מ'זאל עס אים געבן. ווען ער ווערט עלטער זוכט ער עפעס בעסער'ס און שענער'ס, דער האניג איז אים שוין נישט גענוג, בעט ער שוין שיינער שיך און קליידער, ווען ער ווערט עלטער וויל ער געלט און כבוד. די אלע זאכן זענען נישט די עכטע תכלית, מ'דארף באמת זוכן די ריכטיגע חכמה אן קיין שום אנדערע זאך, דער חכמה לשם חכמה.

וואס טוט זיך דא? זאגט אונז דער רמב"ם אז די מומחים זענען נישט גערעכט? אז דאס איז דער וועג צוצוקומען צו לשמה? דער נפש החיים אין שער ג' פרק ג' רעדט אויס אז ס'איז כמעט אוממעגליך צוצוקומען צו לשמה אן א הקדמה פון שלא לשמה, און אזוי איז דער אויסגעהאלטענער וועג. וואס טוט זיך דא?

איך קלער, איך ווייס נישט בוודאי אז ס'איז אמת, און דער לשון פון דעם רמב"ם איז נישט אזוי קלאר אין דעם, אבער אזוי קלער איך. דער חילוק איז א לומדיש'ע, א סברא'דיגע. ווען א מענטש טוט א מעשה, אבער ער טוט עס אלס א מלאכה שאין צריכה לגופה, איז דאס א שלא לשמה. ווען ער טוט אבער א דבר שאינו מתכוין איז עס נישט אויסגעהאלטן.

וואס מיינט עס? ווען א מענטש פארלעשט א לעכט, כדי צו קענען שלאפן ביי נאכט, הייסט'ס א מלאכה שאין צריכה לגופה. די מעשה זיינע איז א די לעכט זאל זיין פארלאשן, אבער דער תכלית פון דעם איז נישט כדי צו מאכן פחם, נאר כדי צו קענען שלאפן. די מעשה איז אבער די זעלבע. ווען אבער מ'שלעפט א באנק אינ'ם פעלד, די מעשה זיינע איז באנק שלעפן. אויף דער זייט ווערט אויסגעגראבן א גרוב, און דאס הייסט געאקערט דער פעלד. דאס איז א דבר שאינו מתכוין.

ווען מ'גיבט א צוקער'ל פאר'ן קינד אויף צו לערנען, דארף מען צוקוקן וואס טוט ער דערנאך. איז דאס לערנען א מעשה פון לערנען, וואס ער טוט פאר'ן צוקער'ל? אדער איז עס א מעשה פון באקומען א צוקער'ל וואס פערצופאל ווערט געטון דורכ'ן לערנען א משנה צו א פסוק? אין מיט'ן לערנען איז עס בכלל געמאלט אז מ'זאל פארגעסן פונ'ם שלא לשמה, אדער איז עס א נאכאנאנדיגער מחשבה?

ווען מ'זעט כולל יונגעלייט וואס לויפן און יאגן זיך צו כאפן דער שמירת הסדרים, און ביים לערנען עסן זיי פון א קליין זעקעל אונטער'ן טיש, מ'זאל זיי אראפנעמען פון דעם רצופות געלט, ווייסטו אז דאס גאנצע לערנען איז נאר א היכי תימצי.

ווען מ'זעט קינדער קוקן אויפ'ן זייגער ביי אבות ובנים און ישיבת מרדכי הצדיק, צו זען צי זיי האבן שוין געלערנט דער באשטימטע שעה, ווייסטו אז דאס לערנען איז נאר די היכי תימצי.

ווען מ'מאכט א גאנצע טאראראם פון די פרייזעס פון גיין נאך געלט פאר דעם מוסד, צו פאר'ן לערנען, ווייסט מען אז דאס לערנען און גיין נאך געלט איז נאר א היכי תימצי.

יעדער מענטש איז אנדערש אין דער הינזיכט, מאנכע קינדער האלטן אן אויג נאר אויפ'ן צוקערל, אנדערע ווייסן וויאזוי עס איינצושלינגען. יעדער ציבור איז אנדערש, יעדער כולל און ישיבה איז אנדערש, אבער מיר זעט אויס אז דאס איז דער קנה מדה.

### דער לשון פונעם רמב"ם

אט איז דער מקור וואס דער ארטיקל רעדט פון אים: דער רמב"ם, הקדמה צום פרק חלק (פירוש המשניות, סנהדרין), פארקירצט.

שים בדעתך כי נער קטן הביאוהו אצל המלמד ללמדו תורה וזהו הטוב הגדול לו לענין מה שישיג מן השלמות, אלא שהוא למעוט שניו וחולשת שכלו אינו מבין מעלת אותו הטוב ואל מה שיגיעהו בשבילו מן השלמות, ולפיכך בהכרח יצטרך המלמד שהוא יותר שלם ממנו שיזרז אותו על הלימוד בדברים שהם אהובים אצלו לקטנות שנותיו, ויאמר לו קרא ואתן לך אגוזים או תאנים ואתן לך מעט דבש, ובזה הוא קורא ומשתדל לא לעצם הקריאה לפי שאינו יודע מעלתה אלא כדי שיתנו לו אותו המאכל, ואכילת אותן המגדים אצלו יקר בעיניו מן הקריאה וטוב הרבה בלא ספק, ולפיכך חושב הלימוד עמל ויגיעה והוא עמל בו כדי שיגיע לו באותו עמל התכלית האהוב אצלו והוא אגוז אחד או חתיכה דבש, וכשיגדיל ויחזיק שכלו ויקל בעיניו אותו הדבר שהיה אצלו נכבד מלפנים וחזר לאהוב זולתו, יזרז אותו ויעוררו תאוותו בו מאותו הדבר החמוד לו, ויאמר לו מלמדו קרא ואקח לך מנעלין יפים או בגדים חמודים, ובזה ישתדל לקרא לא לעצם הלימוד אלא לאותו המלבוש, והבגד ההוא נכבד בעיניו מן התורה והוא אצלו תכלית קריאתו, וכאשר יהיה שלם בשכלו יותר ויתבזה בעיניו זה הדבר ג"כ ישים נפשו למה שהוא גדול מזה, ואז יאמר לו רבו למוד פרשה זו או פרק זה ואתן לך דינר אחד או ב' דינרין, ובכך הוא קורא ומשתדל ליקח אותו הממון, ואותו הממון אצלו נכבד מן הלמוד, לפי שתכלית הלמוד אצלו הוא שיקח הזהב שהבטיחוהו בו, וכשיהיה דעתו גדול ונקלה בעיניו זה השיעור וידע שזה דבר נקל יתאוה למה שהוא נכבד מזה, ויאמר לו רבו למוד כדי שתהיה ראש ודיין ויכבדוך בני אדם ויקומו מפניך כגון פלוני ופלוני, והוא קורא ומשתדל כדי להשיג מעלה זו ותהיה התכלית אצל מכבוד שיכבדו אותו בני אדם וינשאוהו וישבחו אותו.

וכל זה מגונה, ואמנם יצטרך למיעוט שכל אדם שישים תכלית החכמה דבר אחר זולתי החכמה . . . ועל למוד כזה אומרים חכמים שלא לשמה, כלומר שיעשה המצות וילמוד וישתדל בתורה לא לאותו הדבר בעצמו אלא בשביל דבר אחר.

רמב"ם, פירוש המשניות, הקדמה לפרק חלק

---

**א שמועס פון דער וואך**

# דער חינוך מיתוס

„יאיר“ טענהט אז עלטערן דארפן א קינד נאר ליב האבן און אים לאזן וואקסן; ער האט נישט גערעכנט אויף אזויפיל ענטפערס. א שמועס צי א טאטע טאר באשטימען וואס פון זיין קינד זאל ווערן.

פון **יאיר, אפטעמיסט, פלאוויוס און אנדערע**

קאווע שטיבל • תורה און מחשבה • „דער חינוך מיתוס“ • 15טן–18טן יוני 2015
https://kaveshtiebel.sites.tab.bot/t/9107.html

**יאיר** • 15טן יוני 2015

וואו מען גייט און וואו מען שטייט הערט מען דרשות איבער חינוך. זיי אזוי מחנך דיין קינד, נישט אזוי, גיב אים אריין דעם מעסעזש, נישט יענעם, זאג אים עס אויף דעם וועג, נישט אויף יענעם וועג.

וואס די אלע געלונגענע בעלי דרשנים און מחנכים און צוהערער כאפן נישט איז אז עס עקזיסטירט נישט אזא זאך ווי חינוך. אויב עס עקזיסטירט יא, דאן איז דאס דער כישוף וואס מאכט חרוב קינדער אויף אייביג, ערציענדיג זיי אויף א וועג וואס וועט מיט א צוביברהאפטיגקייט ערציען פרישע

דורות פון כלומר'שטע חינוך עקספערטן, אזעלכע טאטעס וואס זענען ספעציעל געאייגנט ווי אזוי צו מאכן די קינדער שפירן כאילו אויף עפעס א וועג דארפן זיי אפגעבן דין וחשבון פאר'ן עקזיסטירן, און דער תירוץ אז דער געטרייער טאטע האט פשוט געוואלט פארשפרייטן זיינע געניעס איז נישט די והותיר.

די אויפגאבע פון עלטערן איז צו געבן די פיזישע געברויכן פאר זייערע קינדער און זיי צו גיבן דעם געפיל אז זיי זענען שטענדיג אקצעפטירט און באליבט. דא הייבט זיך אן זייער אויפגאבע און דא ענדיגט זיך עס. זייער אויפגאבע איז נישט צו זיכער מאכן אז די קינדער וואקסן אויף ערליכע אידן, תלמידי חכמים, עשירים, עדיוקעיטעד, קלוג, און אנדערע מרעין מישין וואס די מענטשהייט האט ערפינדן. זייער אויפגאבע איז צו פארגעסן אביסל פון זיך און פארגעסן אביסל פון דעם קינד, און אים בלויז ארויסווייזן א שמייכל ווען ער קומט אן אהיים און גיבן א קיש ווען ער גייט שלאפן. הערסט וואס איך זאג דיר? הער אויף פייניגן דיין אכט יעריג זון אז ער זאל גיין צו תתמידים. און זיי מוחל, אנשטאט צו גיין צו דעם נעקסטן חינוך אוונט, זיץ אינדערהיים און רו דיך אויס. ליין א צייטונג און הער אביסל מוזיק, זאלסט נישט זיין אזוי נערוועז און אויספלאצן אין געשרייען ווען דיין דרייצן יעריג בחור'ל פארשפעטיגט סוף זמן קריאת שמע.

**כוכב** • 15טן יוני 2015

חינוך איז א מצוה מדרבנן.

אבער דאס יא, די חינוך דרשות זענען על פי רוב געבויעט אויף לופט.

**אפטעמיסט** • 15טן יוני 2015

לאמיר נישט רעדן וועגן סוף זמן קר"ש, וואס האלטסטו וועגן א טאטע וואס וויל זיין זון זאל אויפוואקסן א דאקטאר, טוט ער אויך אן עוולה אז ער רודפ'ט זיין זון ער זאל נישט גיין ליידיג און וואקסן א גאסן-יונג?

**יאיר** • 15טן יוני 2015

יא. א טאטע וואס רודפ'ט זיין זון איז א רשע מרושע.

**אפטעמיסט** • 15טן יוני 2015

סארי פאר'ן ניצן דאסווארט "רודפ'ן". א טאטע וואס וועקט אויף זיין זון צו גיין אין קאלעדזש און ווארפט אים ארויס פון בעט.

**יאיר** • 15טן יוני 2015

היש לך רודפ'ן גדולה מזו?

**אפטעמיסט** • 15טן יוני 2015

בקיצור, א פוילער רוח, א קינד א שטריק, האלט נישט ביים ארבעטן האלט נישט ביים לערנען, טאר אים דער טאטע נישט פרובירן מחנך זיין צו וואקסן א מענטש? וואס ווילסטו זען דא, א גאנצע וועלט בטלים ומבוטלים, משתתפי הפגנות ומחזירי חלק שמונה?

**יאיר** • 15טן יוני 2015

„טאר אים דער טאטע נישט פרובירן מחנך זיין צו וואקסן א מענטש?“

אפשר קענסטו מיר זאגן ווער האט מחנך דיין עלטער זיידע אין וואלד צו אראפכאפן פרוכט פון בוים און עסן פאר נאכטמאל?

**שמערל** • 15טן יוני 2015

מיט וואס איז דער חינוך מיטאס אנדערש ווי דער גאנצער סאסייעטי מיטאס בכלליות?

אויב האבן מענטשן מחליט געווען אז עס איז דא א גאנצע ליסטע מיט זאכן וואס פארלאנגט כדי צו באלאנגען אין א סאסייעטי, צווישן זיי עדיוקעישן, גיין אנגעטון, שמייכלען צו אנדערע, ארבעטן און אויסהאלטן א ווייב מיט קינדער, און דער מענטש איז זיך מקריב זיין גאנץ לעבן פאר די אלע ווירדן, דאן פארוואס האסטו זיך דערמאנט אז פונקט ערציען זיין קינד אויף די וועגן איז נאריש.

**יאיר** • 15טן יוני 2015

„. . . דער מענטש איז זיך מקריב זיין גאנץ לעבן פאר די אלע ווירדן“

אז דער מענטש איז מקריב זיין לעבן איז איין זאך, אז דער מענטש איז מקריב א צווייטנס לעבן איז גאנץ אן אנדערע זאך.

**מפוזרי** • 16טן יוני 2015

„ליין א צייטונג און הער אביסל מוזיק, זאלסט נישט זיין אזוי נערוועז. . . "

א יישר"כ. אין אמת'ן פיר איך זיך שוין לאנג אזוי, אבער כ'האב תמיד געהאט א שלעכטע געוויסן דערוועגן. א דאנק פארן בארואיגן.

להערה בעלמא: פארן אויפשטיין שפעט שריי איך טאקע נישט, טאמער אבער שטערט מען מיר ליינען די צייטונג, זאל גאט אפהיטן...

**יאיר** • 16טן יוני 2015

דער עולם האט אינגאנצן נישט פארשטאנען מיין כונה. אודאי זאל א טאטע אויסלערנען פאר זיין קינד ווי אזוי זיך אומצוגיין מיט'ן לעבן אויף א נארמאלער פארנעם, פונקט ווי די מאמע מאלפע לערנט אויס פאר איר קינד ווי אזוי צו אפשיילן א באנאנע. איך רעד וועגן "איבערמאכן" דעם קינד, וועגן אים פארוואנדלען אין דעם "ריכטיגן" מענטש. כאילו יעצט איז עפעס שלעכט מיט אים, און מען דארף אים טויש כדי ער זאל ווערן א תלמיד חכם, א דאקטאר, א צדיק, אדער וואס אימער זאל נאר זיין. דאס זענען לגמרי צוויי אנדערע זאכן. עס איז נישט דיינע ביזנעס ווי אזוי דאס קינד וועט בוחר זיין צו פירן זיין לעבן. עס איז יא דיינע ביזנעס אים צו געבן די געצייג אז ער זאל קענען מאכן א בחירה. רוב טאטעס האבן א מיסיע צו אויספארעמען זייערע קינדער גענוי ווי זייער חלום, עס איז זיי נישט גענוג אז דאס קינד וועט פירן א צופרידענער לעבן, ער מוז מיר נאך מאכן שטאלץ און ברענגען נחת און באלאנגען אין דעם ריכטיגן ארט, און דאס איז א רשעות.

**ישמעאל הכהן** • 16טן יוני 2015

דאס זאגט טאקע דער פסוק חנוך למער על פי דרכו

**יאיר** • 16טן יוני 2015

איך וואלט זיך געשוואוירן אז ישמעאל'ס טאטע האט אים ארויסגעטריבן פון בעט פינף אזייגער פארטאגס יעדן צופרי.

**ישמעאל הכהן** • 16טן יוני 2015

גראדע אמת אבער נאר ערב יום כיפור...

**chusid** • 16טן יוני 2015

מיר ליגט נאך אין די ביינער די שלעק וואס איך האב געכאפט פון מיין טאטע פארן פארשלאפן ראש השנה נאך די עלות מיט קולות אז וועגן דעם טויג איך אויף גארנישט ווייל איך פארשלאף מיין מזל...... מיט דעם האט מיין טאטע אויפגעטאן אז נאך מיין חתונה מאך איך זיכער צו שלאפן נארמאל...און אז ווען איך הער נאך מיסטישע מוסגים אויף די הייליגע טעג ווערט מיר שלעכט אויפן הארצן...

**יאיר** • 16טן יוני 2015

להבהיר כוונתי:

שטעלט אייך פאר איר טרעפט א מיטליעריגער איד אויף דער גאס מיט א צעמישטן בליק אויפ'ן פנים. איר נעמט אריין צו זיך אין שטוב און עס שטעלט זיך ארויס אז ער האט געליטן א פאטאלע אמנעזיע און ער געדענקט גארנישט פון זיין לעבן, אנגעהויבן פון זיין נאמען ביז'ן אפשיילן קארטאפל ביז נישט אנצינדן א לעקטער א שבת ביז אריבערגיין די גאס. צוליב אייער גרויס געגאדע הייבט איר אן זיך אפגעבן מיט דאיד און אים צוביסלעך אויסלערנען ווי אזוי מען פירט א נארמאלער לעבן. ווי אזוי וואלט איר אים באהאנדלט? אט אזוי זאלט איר באהאנדלען אייערע קינדער. זיי פארדינען זיך רעספעקט און שעצונג לכל הפחות ווי דעם מיטליעריגן איד, און נאך אסאך מער, וויבאלד זיי טוען אייך די אומגעהויערע טובה פון פארשפרייטן אייערע גענעס. אביסל הכרת הטוב.

**פלאוויוס** • 16טן יוני 2015

ישמעאל, פרומקייט (ביז צו א געוויסן שטאפל) קען אריינגיין אינעם גדר פון יסודות'דיגער טרענירונג, ווי א "מאמע מאלפע וואס לערנט אויס א קינד שיילן באנאנעס" (כלשון קדשו פון יאיר), ווייל דאס איז פונקט ווי מאראלן וועלכע מוזן ווערן איבערגעפירט פון טאטע צו קינד כדי צו קענען לעבן א ריכטיגע לעבן.

די צרה הייבט זיך אן ווען מ'באגנוגנט זיך נישט מיט דעם ריכטיגן "וועג פון לעבן" נאר מ'וויל אז דאס קינד זאל דוקא אפשפילן א געוויסן כאראקטער אדער "ראלע אין לעבן". דאס הייסט, ס'איז נישט גענוג אז ער איז פרום, נאר ער מוז אויך זיין א כלי קודש. ס'איז נישט גענוג אז ער איז ציוויליזירט, נאר ער מוז אנקומען צו א קאריערע (על פי רוב גייט עס ווייטער: ס'איז נישט גענוג אז ער קומט אן צו א קאריערע, נאר ס'מוז זיין די זעלבע קאריערע ווי דער טאטע אדער די מאמע). מיט אייןווארט, די פראבלעם איז נישט אז מ'לערנט אויס א קינד צו לעבן מאראליש/ערליך/פרום, נאר

וועגן אויסשטעלן דאס אלגעמיינע לעבן פונעם קינד לויטן פערזענליכן געשמאק פונעם טאטן.

האב איך דיך ריכטיג פארשטאנען יאיר?

**יאיר** • 16טן יוני 2015

יא, גוט אראפגעלייגט. איך זאג עס אבער אויף אביסל אן אנדער אופן. דער טאטע האט א רעכט צו פרעזענטירן פאר זיין קינד וואס איז א גוט לעבן, נישט אים צו איינצווינגען. אויסער אין א פאל וואס דאס קינד פירט זיך אויף כך וכך פשוט ווייל עס פעלט אים דער שכל, ווי למשל ווען ער שפאצירט אריין אין גאס וכדו', וואס דעמאלט דארפן מיר פשוט אים ארויסהעלפן, פונקט ווי מען העלפט ארויס א גייסטיש צוריקגעשטאנענער מענטש, אדער דער אמנעזיע ליידנדער נארמאלער מענטש. אבער ביי א זאך וואס עס זענען דא נארמאלע פיזיש און גייסטיש אנטוויקלטע מענטשן וואס פירן זיך אויף אזוי, האט דער טאטע נישט קיין רעכט אים צו איינשטופן אויף אן ארט וואו דאס קינד וויל נישט זיין.

און פון א פילאזאפישן שטאנדפונקט: היות ווען א מענטש האט א קינד קען ער נישט וויסן וואס ער וועט זיין, הצדיק הווה אם רשע, חכם או טיפש, ממילא פון א פשוט'ע מאראלישע שטאנדפונקט מוז ער זיין גרייט אז זיין קינד וועט מעגליך זיין דער גארבעזש קאלעקטאר אדער שייגעץ פון שטאט. אודאי האט ער א רעכט צו ערקלערן פאר זיין קינד די בענעפיטן פון זיין א צדיק, אבער טאמער עס שטעלט זיך ארויס אז זיין קינד קויפט עס נישט אפ, איז דאס נישט עפעס א מקח טעות, נאר עס איז א בירור למפרע וואס ער האט זיך איינגעקויפט ביים באשאפן זיין קינד. אויב ער איז נישט גרייט דערויף זאל ער נישט האבן א קינד.

**וכדומה..** • 18טן יוני 2015

ווי איך פארשטייי איז דא דריי מדריגות אין דעם, און איך ווייס נישט צו עפעס האט זיך געטוישט דא

א) צווינגען, דאס הייסט מיט פארס ארויפברענגען אויפן קינד ווי אזוי ער זאל זיך אויפפירן, מיט צוואנגס מיטלען ווי פעטש, קנסות, שרייען, וכו'.

ב) ברעינוואשן, דאס הייסט מבאגייט זיך נישט מיט פארס, אבער פון ווען דאס קינד הייבט נאר אן פארשטיין אווארט, איז מען שוין ביזי אריינבאקן פונקטליך וויזוי ער זאל אויסזען, וואס ער זאל טון, ווי ער זאל גיין, וואס גוט מיינט, וואס שלעכט מיינט אא"וו, אזוי בלייבט דעם קינד נישט קיין אמתע אויסוואל ווי זיך צו פירן.

ג) פארלייגן די אפציעס און מסביר זיין וואס דו האלטסט איז די בעסטע פאר אים, אבער אנע נוצן איינע פון די אויבן דערמאנטע מיטלען.

א' און ב' איז ראנג, און ג' זע איך נישט אז איינער זאל האלטן סאיז עפעס ראנג דערמיט

---

**וויסנשאפט • מאטעמאטיק**

# דער טויער צו מאטעמאטיק

פארוואס דארף מען בכלל א x? א לעקציע אין אלגעברע פאר דעם וואס האט עס קיינמאל נישט געלערנט: די צוויי שליסלען, און די וואגשאל. די גלייכונגען זענען אין מקור געווען בילדער; מיר האבן זיי איבערגעשריבן.

**פון פארוואס? און די ליינער**

קאווע שטיבל • וויסנשאפט • „דער טויער צו מאטעמאטיק" • 23סטן אקטאבער 2014
https://kaveshtiebel.sites.tab.bot/t/7427.html

---

**פארוואס?** • 23סטן אקטאבער 2014

## די צוויי קריטיש וויכטיגע שליסלען פון מאטעמאטיק

ס'איז שוין אריבער טעליכע חדשים, נאך וואס מיינע אלטע אשכולות איבער אריטמעטיק זענען באגראבן געווארן, און

אצינד האלטן מיר שוין ביי הקמת המציבה, איך וועל נישט איבערמאכן די מיסטעיק פון אראפברענגען טרוקענע באורונג פאקטן און כללים, ווייל ווי ס'זעט זיך אויס האט דער עולם נישט קיין סאך אינטערעסע דערין, (אין אביסל מיט רעכט, ווייל ווער עס איז אינטערעסירט זיך צו ברעכן דעם קאפ, קען גיין לייענען א טעקסט בוק דערפאר).

על כל פנים, יעצט וועל איך נישט אריינגיין אין קיין דעטאלן, איך וועל נאר ארויסברענגען די קריטיש וויכטיגסטע געדאנקען, וואס מען ברויך צו אנערקענען כדי מען זאל אנפאנגען צו פארשטיין מאטעמאטיק. זעלבסט פארשטענדליך, אז מאטעמאטיק ענדיגט זיך נישט נאך אט די געדאנקען, נאר אדרבה, מאטעמאטיק איז א פעלד וואס איז אינסוף פשוטו כמשמעו, עס האלט אין איין זיך דעוועלעפן, עס ווערט טיפער און טיפער יעדע מינוט פון אונזער עקזיסטענץ, און ס'איז נאך אלס דא פלאץ פאר נייע געדאנקען.

כ'האב שוין עטליכע מאל זיך באגעגנט מיט גוטע געריבענע קעפ, פון אונזער מחנה, אזעלכע וואס זענען געוואוינט צו נוצן דעם קאפ, און זיי ענדזשויען צו טראכטן און רעכענען כל מיני קאמפליצירטע רעכענונגען, אבער עס קומט איינמאל ווען כ'הייב אן צו נוצן x'ס, דאן ווערן זיי אינגאנצן פארלוירן, ווי כאילו איך גיי זיי יעצט משוגע מאכן מיט קבלה מעשית.

סא, לאמיר איינמאל פאר אלעמאל קלאר מאכן, מאטעמאטיק איז נישט געמאכט געווארן צו רעכענען חשבונות, פארדעם איז דא קאלקעלעיטערס (אדער מענטל קאלקעלעיטערס). מאטעמאטיק איז געקומען צו אוועקשטעלן סיסטעמאטישע רולן ווי אזוי צו נוצן ריין און ריכטיג לאגיק. דעריבער ווען עס קומט צו מאכן כל מיני חשבונות, כאטש עס איז דא אזעלכע וואס קענען עס מאכן אויפן קאפ, וועלן זיי דערפאר נישט ווערן אנגערופן אלס גוטע מאטעמאטישנס, נאר דוקא, דער וואס וועט אויפקומען מיט א סיסטעמאטישע וועג (אן אלגאריטאם) ווי אזוי צו אויסרעכענען אט דעם חשבון, אויפגעבויט אויף די כללים פון לאגיק, ער וועט ווערן באטראכט אלס א מאטעמאטיקער.

דערשרעקט זיך נישט, נישט פאר יעדע נארישע רעכענונג וועט איר דארפן אויפקומען מיט א סיסטעם, ס'איז שוין דא פאר יעדע חשבון וואס וועט אייך קומען צו נוץ, א מסודר'דיגע פונקטליכע וועג.
און דא קומט אריין די צוויי הויפט שליסלען פון מאטעמאטיק, דער ערשטער שליסל, איז צו נעמען א סיטואציע, און עס איבערטייטשן אין טרוקענע סימבאלן, אז עס זאל ווערן ערמעגליכט צו טון מיט דעם מאטעמאטישע מאניפולאציעס.

למשל, נעם אין באטראכט די פאלגענדע סיטואציע: איך האב הונדערט דאלער, און איך פלאן צו נוצן דערפון אין דער ענדע פון מיין טאג 35 דאלער פאר סאפער, יעצט וויל איך גיין איינקויפן, וויפיל מעג איך ספענדן כדי איך זאל נאך בלייבן מיט 35 דאלער פון די הונדערט דאלער.

איך בין זיכער אז רוב פון די לייענער קענען אויסרעכענען דעם ענטפער אין איין מינוט, אבער יעצט וויל איך נוצן די סיסטעם וואס איז אוועקגעשטעלט פאר אזעלכע צוועקן, וואס איינמאל מ'ווייס עס, קען עס צונוץ קומען אויך אין מער קאמפליצירטע פעלער, סא, ווי פריער געזאגט, די ערשטע זאך, דארפן מיר עס אראפשרייבן קלאר.

איז לאמיר טראכטן פשוט ווי אזוי מיר דיסקרייבן אט אזא סיטואציע, אונז האבן מיר 100 דאלער, שרייבן מיר די ערשטע זאך אראפ דעם נומער 100 (אויף דער לינקער זייט), דערנאך ווילן אונז אז מען זאל קענען אראפרעכענען דערפון עפעס א סכום פון געלט וואס אונז ווייסן נישט ביזדערווייל וואס איז עס, און אונזער ציל איז טאקע צו אויסגעפונען וואס ער איז, אבער ביזדערווייל מוזן מיר אים דאך א נאמען געבן, איז דא זייער א גרינגע עצה, לאמיר אים רופן x, כלומר פלוני אלמוני וואס איך ווייס נאכנישט ווער עס איז. און נאכן אראפנעמען דעם x, זאלן מיר בלייבן מיט 35. בקיצור, שרייבן מיר אראפ אזוי אונזער סיטואציע:

$$100 - x = 35$$

אזא סטעיטמענט ווערט אנגערופן אן עקוועישן (א גלייכונג, אדער עקוואטיאן -גוגל), און עס איז גאנץ גרינג צו פארשטיין וואס דא שטייט, דער נומער 100 אראפגערעכנט דער נומער x איז ווערד 35.
אבער לאמיר נישט פארגעסן פון אונזער ציל, אונזער ציל איז נישט צו וויסן דער 100 און נישט 35, אונז ווילן מיר וויסן ווער איז אט דער באהאלטענער x?

דערפאר נוצן מיר דעם צווייטן שליסל פון מאטעמאטיק, און דאס איז וויכטיגער פון אלעס, מיר באטראכטן יעדע עקוועישן אלס א "וואגשאל" (סקעיל), וואס וועןביידע זייטן אנטהאלטן דאס זעלבע וואג, שטייען ביידע זייטן גראד, און אויב לייגט מען צו צו איין זייט, און דערנאך לייגט מען צו צו דער אנדערער זייט דעם זעלבן סכום, בלייבט עס ווייטער גראד.

די זעלבע זאך לעניננו, אויב זאלן מיר טוישן איינע פון די זייטן פונעם סקעיל, און אין דער זעלבער צייט גייען מיר טוישן די אנדערע זייט מיט פונקטליך דאס זעלבע טויש, דאן

ווען די עקוועישן בלייבן ריכטיג.

לאמיר נעמען א משל, מיט אט דעם עקוועישן:

$$8 + 5 = 13$$

יעצט לאמיר צולייגן צוויי, צוביידע זייטן:

$$8 + 5 + 2 = 13 + 2$$

אויב מיר רעכענען דאס אויס, וועלן מיר זען אז די עקוועישן בלייבט ריכטיג (כאטש יעצט איז עס שוין מער נישט דרייצן נאר פופצן, איז די עקוועישן נאך אלס ריכטיג, ווייל ביידע זייטן זענען פופצן).

יעצט לאמיר צוריק גיין און טרייען צו אראפנעמען צוויי פון ביידע זייטן:

$$8 + 5 - 2 = 13 - 2$$

ווידער, ביידע זייטן זענען דאס זעלבע, ביידע זייטן זענען 11.

און דאס זעלבע איז מיט יעדע פעולה וואס מיר וועלן טון מיט ביידע זייטן אייניג (!!!), ווען די עקוועישן בלייבן ריכטיג אייביג. ביי מולטיפליקעישן און דיוויזשן, און יעדע אנדערע פעולה.

די לאגיק וואס ליגט אונטער דעם איז ווידער זייער פשוט, ווייל אויב ביידע זייטן זענען טאקע גלייך, דאן רעדן מיר פון דעם זעלבן נומער, (נאר עקספרעססט אין אן אנדער פארם), און וואס מיר וועלן טון מיט אט דעם נומער וועלן מיר אייביג באקומען דעם זעלבן רעזולטאט.

אט דאס איז דער קריטיש וויכטיגסטער שליסל פון מאטעמאטיק, צו באטראכטן יעדע עקוועישן אויף אזא סארט וועג, און יעצט וועלן מיר זען ווי אלע פראבלעמען ווערן סיסטעמאטיש געסאלווט נאכן גיין מיט אט דעם געדאנק.

סא, אנגעלאדנט מיט אט דעם טאקטיק, קענען מיר יעצט צוריק גיין צום אויבנדערמאנטן פראבלעם וואס מיר האבן נאכנישט געסאלווט, לאמיר זיך דערמאנען ווי אזוי עס זעט אויס:

$$100 - x = 35$$

יעצט לאמיר צולייגן דעם x צו ביידע זייטן אייניג, וועט עס אויסזען אזוי:

$$100 - x + x = 35 + x$$

נאכנישט קלאר וואס האבן מיר אויפגעטון, סא לאמיר געבן א נענטערע בליק אויף דעם עקוועישן, און לאמיר זיך קאנצענטרירן אויף דער לינקער זייט, מיר זען דעם נומער 100, אראפגענומען x און צוגעלייגט x. אז מיר טראכטן אריין, זען מיר אז עס איז נישטא קיין סיבה צו צולייגן א נומער און עס צוריק אראפנעמען, מיר קענען עס לאזן כאילו גארנישט איז נישט געווען, (כאטש אונז ווייסן נאכנישט וואס דער נומער איז, אבער עס איז נישט באמת קיין נפקא מינה, ווייל אט דער לאגיק אפעלירט דאס זעלבע צו אלע נומבערס). אויב אזוי, באקומט דער עקוועישן א נייע פנים:

$$100 = 35 + x$$

יעצט גייען מיר ווידער טון אזא טריק, מיר גייען אראפנעמען דעם נומער 35 פון ביידע זייטן, וועט עס אויסקוקן ווי פאלגענד:

$$100 - 35 = 35 + x - 35$$

יעצט לאמיר זיך קאנצעטרירן אין דער רעכטער זייט פונעם עקוועישן, און ווידער אמאל אנערקענען אז צולייגן און ווידער אראפנעמען דעם זעלבן נומער איז נישט קיין עסק, סא, לאמיר עס שרייבן אזוי:

$$100 - 35 = x$$

דאס איז עס, מיר האבן שוין געענדיגט און יעצט ווייסן מיר שוין קלאר אז:

$$x = 100 - 35$$

האבן מיר שוין באקומען דעם סאלושן פאר אונזער פראגע, מיר דארפן נישט מער ווי אראפרעכענען 35 פון 100 און מיר באקומען 65. און דא ענדיגט זיך עס און מיר ווייסן שוין אז:

$$x = 65$$

ווי פריער ערוועגט, אין אונזער פאל איז עס נישט וויכטיג צו נוצן, אבער אין מער קאמפליצירטע פעלער, מוזן מיר נוצן אט די סיסטעם וואס מיר קענען גרינגערהייט באקומען סאלושנס פון אלע אזעלכע סארטן פראגעס.

[פארקירצט]

**קאָווע טרינקער** • 23סטן אקטאבער 2014

זייער שיין!

א משל צו א גלייכע עקוועישן:

פאר + ? = פארוואס

**מי אני** • 10טן יוני 2020

א זיסע וויץ אין דעם:

מ'האט געגעבן א טעסט פאר א מאטעמאטיקער, א פיזיקער, און אן ענדזשיניר. די בחינה האט געהאט איין שאלה: "וואס איז 1+1?"

נאך א פאר שעה מיט א טוץ פאפירן פירט אויס דער מאטעמאטיקער, "איך האב אויפגעוואוזן אז דאס איז א נעטשורעל נומער."

דער פיזיקער נאכ'ן טשעקן פאר פערעלעקס עראר און זיינע קוואנטום טעיבלס זאגט, "ס'איז זיכער צווישן 1.9999999 און 2.0000001 "

דער ענדזשיניר האט געזאגט, "אהה. ס'איז 2. איין מינוט! צו זיין פארזיכערט לא'מיר עס בעסער מאכן 3."

היסטאריע

# היסטאריע פון בחורישע גליונות

ווער האט געדרוקט דעם ערשטן גליון פון ישיבה־בחורים? פון אמסטערדאם, פערארא און וואלאזשין ביז סלאבאדקע און טראנסילוואניע.

פון **שמעלקאק'לע**

קאווע שטיבל • היסטאריע • „היסטאריע פון בחורישע גליונות" • 5טן דעצעמבער 2016
https://kaveshtiebel.sites.tab.bot/t/11132.html

עס איז מיר אויסגעקומען דעם שבת צו ליינען א שיינער גליון וואס ווערט געשריבן און רעדאקטירט דורך ישיבה בחורים, און איך האב אפגעמאכט צו נאכגיין אביסל, אין חדש תחת השמש, לאמיר געבן א קלער, פון וואנעט שטאמט די געדאנק אז בחורים דרוקן גליונות?! מיר גלייבן אז וואס עס איז אונז אונטערגעקומען איז נישט געווען דאס ערשטע, עפעס א היסטאריע איז זיכער דא דערונטער, אלזא, ווער איז געווען דער ערשטער בחור צו פובליצירן אזא גליון?

לאמיר מאכן א כראנאלאגישן איבערבליק איבער'ן ערשטן בחור'ישן אויסגאבע און די נייעס וואס זענען דארט געשטאנען, ווער האט דאס געעפנט? פארוואס? וואס איז געווען דער צופאלענער פלאן פון דער וולאזשינער ישיבה? ווען האט א בחור'ישע אויסגאבע געדינט אלס א מוסר-פלאטפארמע? און וואספארא גליון וועלכע איז רעדאקטירט געווארן דורך בחורים האבן אויפגעטרייסלט און אויפגעלעבט די גרעסטע גאונים? לאמיר כאפן א בליק אויף די דברי סופרים...

## דאס ערשטע חרדיש'ער אויסגאבע

פיל איידער די חרדי'שע צייטונגען האבן עקזיסטירט, דער מושג פון שרייבן נייעס-בלעטלעך איז נאכנישט געבוירן געווארן, איז געווען די גרינדונג פונעם ערשטן חרדיש'ן אויסגאבע, דער אויסגאבע איז רעדאקטירט געווארן דורך נישט קיין צווייטער ווי א ישיבה בחור וואס איז געווען דער מוציא לאור, און די נייעס דארט זענען געווען די חדושי תורה וואס זענען נתחדש געווארן אין דער אמסטערדאמער ישיבה 'עץ חיים', אונטערן רוחניות'דיגער הנהגה פון הרב יעקב ששפורט און רבי שלמה די אליווירה.

דער אויסגאבע איז ערשינען אין יאר תנ"א, פאר איבער דריי הונדערט יאר צוריק, עס איז נישט באקאנט פונקטליך וויאזוי עס איז געווען איר גרינדונג, אבער דאס איז זיכער, אז דער אויסגאבע האט היפש מאריך ימים געווען, ביז'ן יאר תקס"ז, כאטש עס זענען געווען טיילווייז הפסקות אינטערוועגנס, סך הכל איז געשריבן געווארן לעגנאויס איז עקזיסטענץ נאנט צו טויזענט סימנים, תשובות און פלפולים בעניני הלכה וביאור.

און דאס איז נישט געווען סתם אזוי געפירקלט מיט פענע-און-פאפיר, נאר מיט'ן נייעם ערפינדונג וואס איז אין יענע טעג באקאנט געווארן בעיקר אין מערב אייראפע: דער דרוקעריי. מיט דעם האבן תלמידי חכמים געלערנט חידושים פון די בני הישיבה וואס איז פארשפרייט געווארן, און מיט דער צייט האט עס אנגעהויבן צו באריכטן און אנאליזירן נייעס'לעך, צווישן זיי א הלכה'דיגן וויכוח איבער א געוויסן רב וואס האט געוואלט באקומען דעם אמסטערדאמער רבנות-שטול, נייע תקנות פון דער קהילה אין קושטא, און גוטע בשורות פונעם שטאט וויראנע אין איטאליע.

דער פאקט אז עס האבן זיך געעפנט אין מערב אייראפע דרוקערייען, האט אסאך געהאלפן צו שטופן דעם בליהאנג פון דעם גליונות-מארקעט, עס איז נישט קיין וואונדער פארוואס אין יענער געגנט זענען ארויסגעוואקסן די ערשטע פאר בחורישע אויסגאבעס. א שטייגער ווי דער ווענעציער צייטונג, אזוי אויך דער גליון וואס בחורים פון רבי יצחק לאמפרונט'ס (בעל פחד יצחק) ישיבה האבן געדרוקט אין פיראררה, וואס איז געווען א ערליכער גליון מיט'ן נאמען "ביכורי קציר תלמוד תורה של קהלה קדושה פיראררה", און איז בלויז דריי מאל ערשינען פון תע"ה ביז תע"ח.

שפעטער ווען דער אור לנר הגאון רבי יעקב יוקל עטלינגער זצ"ל האט ארויסגעגעבן דעם קובץ 'שומר ציון הנאמן' האט ער ספעציעל געווידמעט א קאלום פאר בחורים זיי זאלן האבן א פלאטפארמע צו פארשפרייטן זייערע חידושים.

## דער נצי"ב אסר'ט פאר בחורים צו שרייבן גליונות

ווי ביליגער ס'האט געקאסט צו דריקן, זענען אלס מער און מער געוואקסן די צאל בחור'ישע אויסגאבעס, די לומדים האבן געשריבן די 'קנאקערס' זענען געלאפן צום דרוק, און דער וועלט האט הנאה געהאט.

אבער פונקט די ישיבה מיטן נאמען 'אם הישיבות', די מאמע פון אלע ישיבות, דאס איז דער וואלאזשינ'ער ישיבה, וועלכע האט פארמאגט הונדערטער בחורים, זייער אסאך פון זיי מיט טאלאנטן, געשליפענע אויסדרוקן און גאלדענע פעדער'ס, פונקט זי האט נישט פובליצירט קיין גליון, נישט אז די בחורים זענען געווען פויל אדער וואס, נאר מעשה שהיה וכך היה:

עטליכע בחורים האבן זיך צאמגענומען און געגרינדעט א רעדאקציע, מיט'ן ציל צו עפענען א גליון, מ'האט אויפגענומען א רעדאקטאר מיט א גאנצע שטאב, און זיי האבן געוואלט אז די בחורים זאלן שרייבן שיינע ענינים און חידושים, מיט וואס דער עולם התורה וועט זיך מחיה נפשות זיין, ווען זיי זענען געגאנגען בעטן רשות פונעם ראש ישיבה, דער נצי"ב פון וואלאזשין וואס האט אויסגעהערט וואס זיי האבן צו זאגן, און געענטפערט: "ניין, בשום אופן! דאס וועט ברענגען צו ביטול תורה, לאזט אייך ארויס פון דעם געשעפט!".

ווען א בחור האט זיך פרובירט צו טענה'ן מיט אים און אויפקלערן אז דאס וועט פאר געוויסע בחורים געבן א חשק צו מחדש זיין חידושים און לערנען פלייסיגער, האט דער נצי"ב רעאגירט: "אסאך מאל זעט דער יצר הרע אז א בחור לערנט פלייסיג און איז נישט גרייט אפצולאזן די גמרא, זאגט ער אז מ'זאל שרייבן א מאמר"... און מיט דעם איז בטל געווארן דער פלאן.

אבער אזא גליון אינעם רוסי'שן וואלאזשין וואלט סיווי נישט געהאט צופיל הצלחה, נאכדעם וואס דער צענזור פלעגט דורכקוקן יעדן צייטונג און ספר מיט טויזנט אויגן, און ס'נישט צו שווער צו פארשטיין אז די בחורים וואלטן געהאט צו הערן פונעם צאר'ישן רעזשים, ווען זיי וואלטן דארט געפונען ביאורים פון טומאת ארץ העמים און גזל עכו"ם...

גראדע איז ארום צוויי חדשים איידער די ישיבה און וואלאזשין האט זיך פארשפארט דארט ארויסגעקומען א סעריע גליונות מיטן נאמען 'החיים', וואס איז געשריבן געווארן דורך מגידי שיעור און איז מער ווייניגער געווען פארנומען מיט עניני חיזוק און חברותא.

## רעדאקטער: רבי ישראל סאלאנטער

וואלאזשין האט טאקע נישט ארויסגעגעבן א גליון אנהייב, אבער א צווייטער גרויסער ישיבה, וואו עס איז געווען די וויגעלע פון 'תנועות המוסר', און האט נאך ביז היינט איר אפעקט, וואס איז געווען אונטערן מנהיג און אויסטערעטער פונעם היינטיגן ליטווישן ישיבה-דרך רבי ישראל סאלאנטער, האט יא פובליצירט א גליון.

דער רעדאקטער איז נישט געווען קיין צווייטער ווי דער ראש ישיבה, אויפן קעפל פונעם גליון מיטן נעמען 'התבונה' איז געשטאנען "מאמרי מוסר מאת המו"ל רבי ישראל סאלנט". דארט פלעגט ער שרייבן זיינע מוסר געדאנקען און די בחורי הישיבה האבן דערויף קאמאנטירט, און די ערשטע אויסגאבע וואס איז ערשינען אין יאר תרכ"א שרייבט ער מיט אפטאמיזם אז ער צילט ארויסצוגעבן הונדערט פופצן גליונות א יאר, אבער צוליב פינאנציעלע שוועריקייטן איז נישט ארויסגעקומען מער פון צוועלף שטיק.

שפעטער ווען דער באקאנטער סלאבאדקער ישיבה איז געוואקסן, האט מען דארט ארויסגעגעבן א פרישער ווערסיע פון 'התבונה' אנגעהויבן פון יאר תרצ"א, אין יענע גליון איז געשטאנען ביאורים, געדאנקען, און נייעס'לך פון ישיבה, ווי דער עורך שרייבט אין זיין 'הבהרה', טוט ער צושטעלן נייעס כדי בחורים זאלן ח"ו נישט פאשען אין פרעמדע פעלדער,און זיך אנקלאפן און אומגעוואונטשענע נייעס.

## דער ברוטאלער מארד אין חוסט

די בחורים זענען מיט דער צייט געווארן מער און מער זעלבסטשטענדיג, אויף אזוי ווייט אז א געוויסער ישיבה קטנה בחור'ל מיט'ן נאמען יצחק פריעדמאן, וואס האט געלערנט אין טראניסילוואניע, האט געעפנט א גליון מיטן צוגעפאסטן נאמען 'הבחור', וואס איז געווען שטארק אויפגעכאפט ביי אלע ישיבה בחורים אין די געגנט, אין דעם גליון איז געשטאנען פלפולים און חידושי תורה, און א באזונדערע קאלום איז געווען פאר מזרח אייראפישער בחורים, זיי זאלן דארט מעלדן נייעס פון זייער ישיבה.

פון סיגוט אין רומעניע קומט אזא נייעס: "בישיבתינו בחורים וכמה וכמה 100 הרמה פה לומדים בחורים מופלגים וארוחתם כמעט כולם במענזא (צענטראלער קאך) בראשות האדמו"ר הרב יקותיאל יודא שליט"א... פונעם פוילישן לאדזש שרייבט ער "ישיבתינו הק' 'תורת חסד' נתייסדה כבר בשנת תרס"ט ע"י אא"ז הרה"ג הנכבד הרב דושקין נ"י ובקרוב יופיע ספר יובל ליום מלאת עשרים שנה לקיומה..." צוויישן אנדערע פארציילט דארט א חוסטער תלמיד איבער צוויי בחורים וואס זענען געגאנגען נאך געלט און א גוי האט זיי בארויבט און ברוטאל ערמארדעט רח"ל און די קומענדיגע גליונות איז פיל מיט עצות פאר בחורים וויאזוי צו גיין נאך געלט מיט זיכערהייט מיטלען.

אלענפאל'ס, דער געדאנק האט זיך ווייטער געלאזט אין גאלאפ, און היינט האבן מיר הנאה מדי שבת בשבתו, פון שיינע אינהאלטסרייכע און העכסט - פראפעסיאנאלע בחורישע גליונות, וואס ווערט געשריבן דורך דעם קומענדיגן דור פון שרייבער.

### די ליינער מעלדן זיך

טעליכע ליינער האבן אינעם אשכול צוגעלייגט און פארערכט:

„moshav zekeinim“: אמסטערדאם איז מיט דריי הונדערט יאר צוריק געווען דער וועלטס קאפיטאל פון דרוקעריי און קונץ, איז דערפאר נישט קיין חידוש אז דארטן האבן זיך געגאסן גליונות. אויך ווענעציע, דער פארגייער פון אמסטערדאם, האט נאך דעמאלס פארמאגט א דרוקעריי.

„איך אויך“: ערוך לנר נישט אור לנר, יעקב יאקב נישט יעקב יוקל עטלינגער. רבי ישראל סאלאנטער האט קיינמאל קיין ישיבה פארמאגט, כאטשיק ער האט געהאט תלמידים. אין די פילע גליונות וואס זענען געדרוקט געווארן פארן קריג איז דא אסאך חומר פון בחורים.

„ליטוואק פון בודאפעסט“: אויב איך מיש זיך נישט אויס, איז דער וואלאזינער אויסגאבע געגריינדעט געווארן דורך ח.נ. ביאליק, מיט'ן נאמען "הבוקר אור". מאיר בר-אילן דערמאנט עס אין זיין בוך. ער טענה'ט אז ס'איז געגריינדעט געווארן צו פארשפרייטן דער ניי-ערפינדעטע באוועגונג פון ציונות. ער זאגט אז הגם זיין טאטע האט שטארק געהאלטן דערפון, טראץ דעם האט ער געהאלטן אז בחורים דארפן בלויז זיצן און לערנען. ער האט געזאגט א מליצה; טאמער מ'גייט ווייטער דערמיט וועט מען זיי משלח זיין, אזוי ווי עס שטייט אין תורה 'הבוקר אור והאנשים שלחו'! די איינקלאך פון דער ערוך לנר וואס איך קען, נוצן דער נאמען יעקב יוקלי/יוקב, און אזוי שטייט אין ערוך לנר.

קאווע שטיבל • 6טן דעצעמבער 2016

---

איבערלעבונגען

# א מלמד דערציילט

א טאג ביים קינדערגארטען־מלמד, פון „גוט מארגן אלע קינדער“ ביז די קאוטס – און וואס קינדער ענטפערן אויף דער פראגע „פארוואס ווילט איר זיין א טאטע?“. צוויי ארטיקלען פון א מלמד'ס בלאג.

פון **שאץ מאץ**

די ערשטע חסידישע בלאגס • שאץ מאץ • „מלמד קינדערגארטען; מלמד דערציילט: טאטעס אין די אויגן פון קינדער“ • 13טן–14טן אפריל 2010
https://ershteblogs.sites.tab.bot/shatzmatz/2010/04/24.html

צום אלעם ערשטן איז א מלמד א נכסי ציבור, וואס יעדער בר בד רב דחד יומא, מעג און האט די רעכט צו זאגן, קאמפלעינען, חווק מאכן, פאראהאלטן, מוטשענען, קאמענטירן, און וואס נישט,

צ.ב.ש. דער מלמד איז 9:30 אין ביהמ"ד דרייענדיג נערוועזערהייט זיין ר"ת'ס, קומט צו א מאן דהו מיט א פראגע "זאג נאר ס'איז נישטא קיין חדר היינט?"

דער מלמד'ל וויל צוריק פרעגן "זאג נאר ס'איז נישטא קיין בי ן' עיטש היינט?"

מוצאי יו"ט ווערט דער מלמד'ל דער ציל ברעט פון דער נערווירעדיגער פראגע-הלצה-טשעפע- פון "צוריק אין חדר אריין"....

אבער פסח.... איז דער נחת צייט פונעם מלמד'ל ווען ער טרעפט אן די טאטע'ס און שול "אוי' האט מיין אינגל שיין געזאגט מה נשתנה"

צווישן די שווערקייטן איז אויך די אומבאטעמטע ביזיונות פון די

צו נעמען וואס דער קינדערגארטען מלמד באקומט למשל בעבי רעבע ווישעווע רעבע וכדו',

גייענדיג און גאס מיט זיין משפחה, קען ער הערן פון א פארטש 4 שטאק ארויף, זיין חדר נאמען שרייען הויען ר-ע-ב-ע [...] , ר-ע-ב-ע [...].... די ארומיגע קינדער פון יענע משפחה ווערן מיטגעשלעפט מיטן שטראם און ס'ווערט א כאר, ר-ע-ב-ע [...] .... ר-ע-ב-ע [...].....

א מלמד דריקט זיך אויס פאר שאץ מאץ אז ער האט געטראפן א לעזונג זאגנדיג פאר די קינדער אין חדר אז ער הערט אפי' ווען מ'זאגט שטיל ר-ע-ב-ע [...] .... ר-ע-ב-ע [...]....

בקיצור לאמיר זיך נעמען צום העווי סדר היום פונעם מלמד'ל אין קינדערגארטען...

ער בייוויזט זיך אין חדר 9:45 צום ליידיגן חדר, אפווארטנדיג די קינדער מיט א פרישקייט, די ערשטע פאר קינדער קומען אן מיט דיפעדי דאו פיאות,
רבי: גוט מארגן אלע קינדער...
רבי טוט אויס די קויט'ס, זעצט אראפ דעם עולם ביז דער גאנצער עולם איז שוין דא, אין די ערשטע 15 מינוט קען דער מלמד אויסניצן פאר זיינע וויכטיגע טעלעפאנען, ווען דער עולם איז שוין דא רופט מען אויס, בלשון הוה (דרך אגב אין קינדערגארטען גייט אלעס בלשון הוה, נישט בלשון עתיד אלע קינדער זאלן זיך אראפזעצן נאר בלשון הוה אלע קינדער זעצן זיך אראפ... אלע קינדער שטייען אויף... ואין משנים ממנהג אבותינו) אלע קינדער מאכן א טשו טשו טרעין און ויסעו, מ'הייבט אן זינגען דעם ניגון פונדער וואך למשל א טאג נאך פסח זינגט מען שוין אמר רבי עקיבא, אמר רעב אקיבע אשריכעם ישראל אשרייכעם אשרייכעם.... און אזוי מאשירט מען האנט אויף אקסל ביזן לאנטש רום, ביי פרישטאג טיילט דער מלמד אויס די ברויטלעך גיסט אויס די טעלער וועטשעבעל'ס אויפן טיש זאל נעמען ווער ס'וויל און יעצט... גייט מען אליין עסן פרישטאג.

מ'גרייט זיך אן מכל טוב, פשוט מי שטרח הוא יאכל און נא! מ'מאכט המוצאי מ'עסט און מ'שמיסט געמיטלעך מיט די אנדערע מלמדים, צו יעדער פאר מינוט שרייט'ס מען אויס צו די קינדער נא? הא! ווער זיצט נישט? איך זע אלעס.... (יא? וואס זעסטו? חיים האט שוין אראפ ביזדערוויל געשלעפט די טישטוך...)
מ'טיילט מילעך, עפל דוס פאר די עלעדשי'ז (און אונזערע צייטן איז דאס נישט געווען עלערדשיז'ס בלויז 1 פון טויזנט האבן געהאט אן ערלעדשי'ס)

מ'מאשירט צוריק און חדר דאס מאל א ניגון פארוואס? ווער ס'פרעגט אויף מנהגים איז אן אפיקרוס

מ'הייבט אן דאוונען מיט א לעבעדיגקייט, רבי נעמט ארויס א שאכטל טשאלאד טשיפ'ס (יא די קליינע טשאקלאד טשיפס די פיצי') און רופט אויס ווער ס'דאוונט שיין באקומט איין טשאקלאד טשיפ, ווי אטאמאטיש צום קאמפיאטער קנעפל הייבט זיך די קוויטשעדיגע קולות "תורה צוה לנו משה....

נאכן דאוונען לייגט מען אראפ די סדרה פון דער וואך, מיט אלע פארבן, אנהייבנדיג מיט דער וועכענטליכער הקדמה פון וועלעעעכע סדרה גייט דעי וואך? אלע קינדער צוזאמען וואאאאאאארררררראאאא....
גאר דראמאטיש שילדערט דער רבי, ווי משה רבינו קומט אריין צו פרעה ווארנט מיטן 2'טן פינגער, "פרעה" (אלע קינדער ווארענען מיט) אז די לאזט נישט ארויס די אידן פון מצרים וועט קומען א מכה וואס הייסט כינים - לייז, ווער קען זאגן? כינים, לייז, די עילוים די שארפע קעפ פון דער כתה זאגן שוין ביים ערשטן מאל כינים, לייז,
אוי איז דאס געווען א מכה אלע מצרים קראצן זיך א גאנצע טאג, רבי ווערט פארוואנדלט אין א מצרי (א מינוט צוריק איז ער געווען משה רבינו איצט איז ער א מצרי) ער נעמט זיך צו קראצן פון אלע זייטן אזש.. ס'קראצט אים עכט, ביז בלוט, און אזוי שילדרעט מען די סדרות, און מ'חזרט די שאלות וואס דארף אהיים גיין שבת צו די עלטערן, "מעג מען אויפוועקן א טאטע אדער א מאאאאמממממעעע??????
אלע קינדער צוזאמען ננננניייייייןןןןןןן, וויפיל תורה'ס נעמט מען ארויס דעי וואך אין שווווול? אלע קינדער צוזאמען, צצצצוווויייייייי (וועלכע קינדערגארטן אינגל קומט שבת צופרו אין שול?......)

יעצט נעמט דער רבי אראפ די באקסעס לעגא'ס 1 באקס, 2 באקס, 3 באקס, גיסט דאס אויס אין סענטער פון חדר אלע קינדער לויפן צו צום בארג לעגא'ס און ס'הייבט זיך אן, מוישי מאכט א תפילין, יענקי מאכט א רעידיא, בערי א הויז, יואלי א קאר מיט א טרעין, יעדער וואס ער זעט ביים טאטן אינדערהיים, ווען טאטעס זאלן וויסן וואס קינדער פארציילן פונדערהיים קען מען מאכן א באזונדערע טאג בוך "טאטעס אין בליק פון די קינדער".... דא האט דער מלמד זיין צייט צו טון די ארט'ס און קרעפס (א ביאור אויף דעם האמיר נישט דאס איז נישט געווען און אונזערע צייטן) די טעיפ ריקארדער שפילט וועלכע טעיפ? אה! ווי דער מלמד פארציילט די מעשה פון דער סדרה אזוי ס'זאל אריין קריכן אין קאפ,

ווען מ'דארף קאלארן טייטלט מען אויס די קאלארינג בוקס מיט קרעיאנס און מ'קאלירט (דא איז דער מלמד מגלה סודות פון חדר, אז ביים קאלירן מוז שפילן א טעיפ פון שטאטע מוזיק אדער א שיינע מעשה נישט לעבעדיג ווייל דאן ווערן די קינדער צוהיצט און

לעבעדיג אויפן פאפיר מיטן קרעיאן אינאיינעם, (און וואס טו איך יעצט?????)

אווארט פונעם מלמד'ס דיקשאנערי "מיטשקע בעראטשקע" יענקי! דעס איז נישט שיין געקאלערט דעס איז מיטשקע בעראטשקע...
לאנטש איז ווי פרישטאג רבי טיילט ס'עסן פאר זיך אויך אביסל מיט א שמיסל מיט די קאלעגן נאכאמאל שרייעדיג יא יא איך זע אלעס... כנ"ל

דאס טוילעט גיין איז א באזונדערע מערכה ואי אפשר להאריך בזה

נאך לאנטש גייט מען שוין באלד אהיים געט מען א חזר איבער די שאלות וועעעלכע סדרה גייט דעי וואאאאאאך? וכו' וכו'
דא קומט א מערכה פון אנטון קאטס אום ווינטער לויט מיין ידוע נעמט דאס א האלבי שעה ד.מ אנדערהאלבן שעה בעפארן אונקומען אהיים רעכנט דאס נאך.... ווייל בערך 2:30 גייען קינדער ארויס פון זייער חדר און בערך 3:10 קומט אן דער באס ביי מיין טיר פון וואו ווייסעך?, ווייל 3:12 קען איך באקומען א קאל אויפן סעל פונעם טראנספארטאציע מיניסטער אז מיין ווייב האט נישט אויף געפיקט מיין יונגל איז משמע אז בערך 3:10 קומט אן דער באס צו מיר אהיים, און דאס אנטון א קאויט פאר א יונגל ווייס איך פון עקספירעניס נעמט בערך 40 ביז 50 סעקונדן ווייל מיינע קינדער'ס קאויט'ס אנטון נעמט בערך אזוי לאנג, איצטערט האלט'ס קאפ א מלמד פון בערך 25 קינדער מוז נעמען 25 מאל 40-50 סעקונדן סך הכל= בערך 25 מינוט דוק ותשכח ותמצא נחת,

בלייבט נאר איבער איין פראגע ווער בינט ארויף די צעטעלעך פון אלע פארטיס-מסיבות- טיי-אווענט'ס וכדומה מיט א נאדל אויף מיין יונגל?
ס'קוקט אויס אז דער חדר פארמאגט א מאשין וואס יעדעס קינד גייט דורך און באקומט אזא פאנשט אויפן קאויט מיט א צעטל אנדערשט לייגט זיך נישט אויפן שכל,

צום שלוס: ערנסט גערעדט: ווערט נישט דער קינדערגארטען מלמד ריכטיג געשעצט,
1) ער ארבעט אן א מלמדים שטיבל דהיינו אנדערע מלמדים פון גרעסערע כיתות קענען סיי ווען גיין אין מלמדים שטיבל זיך אויסליפטערן משא"כ א קינדערגארטען רבי איז א פארברעך אויב לאזט ער איבער די קינדער אליין,
2) באקומט וויניגער געצאלט,
3) האט א נאמען פון א בעבי רבי ווער וויל זיך משדך זיין מיט א בעבי רבי?,
4) אייגענע סיפוק וואס העב איך אויפגעטון היינט אביסל גע'בעבי סיט? אפשר נישט? דאס איז אויך חשוב ווער ווייס?.......
ואידך פרישא זיל גמור

## טאטעס אין די אויגן פון קינדער

שוין ביים ערשטן ארטיקל מיינע, האב איך פארשפראכן, צו שרייבן ווי אזוי קינדער קוקן אן די טאטע'ס, אין זייערע אויגן מיט זייערע קינדערישע בליק, און פארציילן דאס איבער אין חדר, אבער ס'איז מיר ארויס פון קאפ, אז איך דארף שרייבן אזא ארטיקל, כ'האב מיר הערשט יעצט געכאפט דערויף משום מעשה שהי',

וועלכע מעשה? כ'וועל ענק פארציילן דעם סוד, כ'האמיר געטראפן מיט מאשקע, יא! אונזער באקאנטע משאקע דער ראש הקהל, און רעדנדיג מיט אים, זעמיר דורך געגאנגען די קעמפ'ס און קאנטרי'ס פון אפסטעיט ניו יארק, וויפיל זכרונות און בענקעניש עס איז פארבלאנדשעט דא צווישן די בערג און ביימער, גלייכצייטיג האט ער מיר פארציילט איבער זיין עמאציאנאלע באזוך אין א אינגל קעמפ, ווי ער האט פארברענגט אין די קינדער יארן, ווי אלעס איז נאר על מחנהו ועל דגלו ועל מכונו, יעדע שטיינדל און יעדע בוים, און אפי' יעדע גארביטש קען, ער דערמאנט זיך אפי' אין די קאקאש קעיק ווי מ'האט געטיילט, און מ'טיילט דאס נאך ביז היינט אויפן זעלבן פלאץ.....

אויב מישט מען זכרונות, מיש איך אויך הננו איך בין דא, האב איך מיר א מיש געטאן, אזא שנעלע מיש, 10 פעפער'ס אויפאמאל, צוריק צו 10 יאר, ווען איך בין נאך געווען א אינגע שנאק, און געזיצט יעדע צוויי מינוט א צווייטע דשאב, האבעך אנגענומען א מלמדות פאסטן אין א זומער קאנטרי, פאר כתה א', גאנץ א שווערע ארבעט, חזר'ן עברי, די קינדער זאלן נישט צוריק פאלן, ב"ה כ'האב מצליח געווען, די קינדער האבן שיין געזאגט עברי, פארציילן מעשיות, וכו' וכו', אבער כ'האב באשלאסן אז כתה א' איז צו א גרויסע אחריות,

איך דערמאן זיך איין זונטאג האט שטארק גערעגנט אין קאנטרי, סתם אזוי איז מיין כתה געווען אונטער דעם שאטן פון די ביימער, אבער ווען ס'רעגנט איז געווען א שטיבל אין דעם קאנטרי ביהמ"ד, ווי מ'האט געקענט אהין גיין, אבער זונטאג זיצט דארט דער עולם, איז נישטא ווי צו גיין, האמיר זיך ארויס געלאזט זיכן א פלאץ, ביז איינער פון די קינדער איז אויפגעקומען אז מ'קען גיין צו די מיידל'עכס דעי קעמפ, אומר ועושה מ'גייט אהין, אלע קינדער מיט רעגן קאוט'ס און שטיוול, און איך דער מלמד מיטן שירעם, און מ'מאשירט אהין, קיין ספרים האמיר נישט געהאט אין דעי קעמפ, האמיר געמוזט לערנען פון אויסוויייניג, קודם קען מען רעדן פון דער סדרה, בערך א האלבע שעה, און נאכדעם ליינען די מצוה צעטלעך, דאס האב איך יא געהאט ביי דער האנט, ווייל

ס'איז געווען אין מיין טאש, דערנאך האמיר פראבירט צו הרג'נען צייט....

ס'האט מיר אויפגעבליצט א רעיון, און כ'האב אויסגערופן אזוי, איך גיי יעצט פרעגן א קשיא, אבער קיינער טאר נישט ענפערן הויעך, נאר קומען צו מיין פלאץ זאגן דער תירוץ, קינדער, ווער פון ענק וויל זיין א טאטע? זאל אויפהייבן די הענט, ווי א מאשין האבן זיך אלע הענט אויפגעהויבן שטייפערהייט,

פרעג איך ווייטער, פארוואס ווילן ענק זיין א טאטע?, קיינער זאל נישט ענפערן, איך וועל ארויס רופן אין מ'זאל מיר זאגן שטילערהייט, כ'האב ארויס גענומען א פאפיר אין געשריבן.....

מורי ורבותי! כ'האב נאך דעם פאפיר אין באזין, ס'איז אמת ויציב יעדעס ווארט וואס איך שרייב, די קינדער זענען געקומען איינס ביי איינס, יעדער זאגט עפעס אנדערשט פארוואס ער וויל זיין א טאטע, און איך שרייב די תשובות,

אברהמי: איך וויל דרייוון א קאר,

יצחק: איך וויל האבן אסאך שליסלעך,

יענקי: איך וויל בלאזן דעי רויעך וואס טאטעס בלאזן (רייכערן)

משה'לע: איך וויל מאכן הבדלה.... (זעט אויס די מעניו פון הבדלה האט אים געפאלן, מ'טרינקט גרעיפ דשוס, מ'לעשט פייער, ס'איז קאליפול, ס'טוטזעך...)

אהר'לע: איך וויל פירן א שבת טיש...., זינגען מיט מיינע קינדער,

יוסי: איך וויל קענען שלאגן מיינע קינדער, און זיי זאלן מיך נישט קענען צוריק שלאגן...., (ס'איז 100 פראצענט אמת וואס יוסי האט מיר גענפערט, און איך האב פארשטאנען פון אים, אז ער שפירט אז ווען זיין טאטע שלאגט אים, איז דאס אנדערשט ווי ווען א חבר שלאגט אים נאר מיט דעם, אז ער קען נישט צוריק געבן זיין טאטן, און דעם חבר יא.....)

דודי: איך וויל האבן געלט, אזוי וועל איך קענען קויפן וואס איך וויל, (דודי דודי! דו ווייסט נישט אז געלט איז נישט אלעס.....)

שימעי: איך וויל קענען שרייען אויף מיין מאמע.....

יושע'לע: איך וויל קענען גיין שלאפן שפעט....

יודא'לע: איך וויל קענען רעדן סודות אזוי ווי מיין טאטע רעדט...

נפתלי: איך דארף א שטריימל....

אשי: איך וויל קענען דאווענען נאר אביסל, אזוי ווי מיין טאטע, נישט אזוויי יעצט ווען איך מוז אגאנצע צייט דאווענען...

בנימין: איך וויל קענען טרינקען ווייין פורים, און ווערן גוט שיכור...

חיים: איל וויל קענען טון וואס איך וויל, קיינער זאל מיר גארנישט הייסן טון....

יואלי: איך וויל ווערן א רבי אין חדר, קענען אנשלאגן די קינדער, (דאס איז שוין פערזענדליך געשטעפעט...)

בערי: איך וויל זיי א טאטע, ווייל שמחת תורה, וועל איך האלטן אן עכטע תורה און טאנצן מיט דעם,

שלמה'י: איך וויל ווערן א רב, (א בעל השגה, סיי כבוד און סיי געלט....)

לייבי: איך וויל זיין א טאטע, ווען איך זעץ מיך אראפ זאל איך אויףהייבן מיין רעקל, און איינבייגן, אזוווי טאטע'ס מאכן,

מאיר: איך וויל זיין א סופר, וואס שרייבן מיט א פעדער פון א קאטשקע....

אלי': איך וויל האבן קינדער... (זייער פשוט, יעדער וויל, פרעג בוני עולם....)

אלעזר: איך וויל זיין דער חזן אין שול, (דו ווילסט? אסאך טאטעס ווילן אויך, פרעג דעם גבאי'ן אין שול)

שאולי (א גאסט פון קרית יואל פאר 2 וואכן): איך וויל זיין א פייער לעשער... (שאולי'ס תשובה איז ליגנט אבער גוט...)

עס זענען געווען אסאך פאזעטיווע ענפער'ס אויך, ווי למשל זיין א רבי פון חסידים, זיין א דיין, און סתם אזוי זיין א טאטע און זיין גרויס, פשוט הויעך געוואקסן, נישט יעדער טאטע זאל מיך פארשטעלן,

אכטונג טאטע'ס!, קינדער פארציילן אלעס וואס זיי זען און הערן אינדערהיים, ווען איך זאל קענען דערציילן וואס איך האבן געהערט פון די קינדער, וואלטן זיך די טאטעס באגראבן פאר בושה....

ר' י"ח גר"וו שליט"א ביי א שיעור לאבריכים האט פארציילט, אז א מלמד האט אים געזאגט, ווען ער האט געמאכט א שבת פארטי, איין אינגל איז געווען דער טאטע און געדארפט מאכן קידוש, דאס אינגל נעמט דעם בעכער און הייבט אן בזה"ל, "אוי האב איך געהאט א שווערע וואך" יום השישי.....

כ'האב געהערט פון א בדחן, ער האט פארציילט אז איין טאג זעט ער זיין 2 יעריגע אינגל, נעמט די קליקס און מאכן דערפון אזא קעסטל איינס פאר די הענט און איינס פאר דעם קאפ ווי תפילין, לייגט דאס ארויף און קישט דאס אזוי מיט דער האנט צום מויל, ער איז ממש ארויס פון התפעלות, ממש א קינד פון 2 יאר מיט אזעלכע השגות?, ער איז געלאפן צו א חכם, און פארציילט אים וואס זיין קינד טוט, דער חכם פרעגט אים אויס זיין סדר החיים, וואס ער טוט, ער ענפערט בדחנות ביז שפעט אין דער נאכט, דער חכם זאגט מיט א שמייכל, זארג נישט דיין קינד איז א געהעריג קינד, זע נאר צו דאווענען וויניגער ביחידות אינדערהיים ווען דיין קינד זעט........

קינדער דערציילן ווען טאטי האט געשריגן אויף מאמי, אדער פארקערט, זיי קענען זאגן אז כ'האב געהערט ווי טאטי און מאמי רעדן, אז זיי גייען קויפן א בעבי....

רבי! נעכטן האב איך געהערט ווי טאטי זאגט פאר מאמי, אז רבי [...] איז א גרויסע בעבי...

רבי! טאטי טעקסט מיט זיין טעלעפאן אגאנצן טאג...

רבי! מיין טאטע האט די זעלבע געים אויף זיין טעלעפאן, ווי מיין טיים אוט... איך דארפט נאך????......

רבי! אונז גיימיר מארגן פארן זען ווי מ'שפילט באל....

קולטור • שפראך און מסורה

# קמץ אלף – בבלל נישט אזוי פשוט

יעדעס כתה־א' אינגל ווייסט אז קמץ אלף איז „אָ“. אדער „אַ“? אדער „או“? וואס דער חדר לערנט, וואס דער פעטער אין לעיקוואוד זאגט, און וואס „אויפן פריפעטשיק“ ווייסט.

פון **קמץ אלף און די לייגער**

קאווע שטיבל • קאווע שטיבל • „קמץ אלף - בבלל נישט אזוי פשוט“ • 4טן–8טן סעפטעמבער 2015
https://kaveshtiebel.sites.tab.bot/t/9550.html

**קמץ אלף** • 4טן סעפטעמבער 2015

"קמץ אלף אָ" (ווי UBER) איז א ברייט-באניצטעביישפיל אויף פשוטקייט, זיכערקייט, פאר אן אבסאלוטע געדאנק און מציאות. יעדעס קינד פארשטייט אזוי.

ווען איך בין עלטער געווארן האב איך אנגעהויבן מסופק צו זיין אויב מיין רבי איז גערעכט געווען. ביי א משפחה-שמחה האב איך געהערט מיין לעיקוואודע פעטער זאגט די שבע ברכות, און ער זאגט קמץ אלף אָ (ווי "אָבער דער רבי זאגט...")

עטליכע יאר שפעטער, ווען איך בין געשטיגן אין ארץ ישראל, הער איך א איד דאווענט ביים עמוד און זאגט קמץ אלף אָ/אַ ממש ווי ס'וואלט געווען פתח אלף.

יעצט בין איך שוין אינגאנצן צומישט. אזא פשוטע זאך, וואס יעדע כיתה אלף אינגל לערענט און קען, זאל ווערן אויס פשוט? גאנצע קונטרסים פארשונגען וואלט געזאלט חוקר זיין וועלכע הגה איז די ריכטיגע פאר "קמץ אלף". צווישן אנדערע איז עס תלוי פון וועלכע לאנד די זיידע שטאמט, און צי די עלטערן זענען געבליבן אשכנזיש אדער זיך דעקלערט חסידים. אבער ווער איז גערעכט? איז דען שייך אז איין נקודה זאל האבן מער פון איין סארט ביטוי? וויאזוי האבן אידן געהערט ביים הר סיני "אנכי ה' אלוקיך"?

וואס מ'זעט פון דעם א שטיקל מוסר השכל, אז אפילו דו "ווייסט" אז ס'איז אזוי, מ'האט דיר אזוי מחנך געווען, סיי דיין רבי און סיי דיינע עלטערן האבן דיר אזוי געזאגט, מיינט עס אבער נישט אז דאס איז אבסאלוט. ס'קען גאנץ מעגליך זיין אז אנדערע האלטן אנדערש, און ס'וועט דיר נישט זיין גרינג אויפצואווייזן ווער איז גערעכט.

יעדן טאג הערט א מענטש נייעס, פארשידענע געדאנקען און שיטות. א קלוגע מענטש דארף וויסן גארנישט אנצונעמען פאר אבסאלוט. ס'איז גאנץ מעגליך אז אנדערע האלטן אנדערש, אדער אז ס'איז נישט אמת די גאנצע מעשה, נייעס, ברווו און קליפ.

"קמץ אלף" זאל דיר זיין א ביישפיל, אז יעדע זאך, ווי פשוט ס'זאל זיין, איז עס למעשה נישט אזוי פשוט.

אז מ'פרעגט איינעם: זאג נאר, קמץ אלף ... ? דארף דער ענטפער זיין: איך ווייס נישט, ס'דא וואס זאגן אזוי, ס'דא וואס זאגן אזוי, און ס'אפילו דא וואס זאגן אזוי.

**די קענעך פין אמעריקע** • 4טן סעפטעמבער 2015

דער ניגון גייט אויפן פריפעטשיק ברענט א פייערל און די שטוב איז הייס אין דיר רבי לערנט קליינע קינדערלעך קמץ א אהה. איז משמע פון דעם ניגון אז אהה איז דער עכטער וועג

**קאווע טרינקער** • 4טן סעפטעמבער 2015

שלום וברכה.
זאגסט גוט.
גראדע אין מיין חדר האט מען שוין אין כיתה א גופא געלערנט אז קמץ איז נישט אלץ א (Uber איז נאך נישט געווען אין די בראשית יארן) ווי אמן, אבינו מלכינו, ווייל אמאל הערט זיך די קמץ ווי (אבער דער רבי זאגט.. איז נישט געווען דעמאלטס) אב הרחמן, אחד.

אלץ קינד לערענט מען פשוט, מיט דער צייט באקומען די אלטע הנחות מער dimensions.
זייער שיין.

**ליטוואק פון בודאפעסט** • 4טן סעפטעמבער 2015

דאס איז דער חילוק צווישן א קמץ גדול און א קמץ קטן, וואס אונז ליטוואקעס\רוסישער האבן איגאנצן אויסגעריסן. ס'מאכט א חילוק צי דער שווא דערנאך איז א שווא נע צו א שווא נח, אבער איך דארף מיר משער זיין, נישט וויסענדיג די כללים פון קמץ גדול, זייענדיג א ליטוואק.

**יואב** • 4טן סעפטעמבער 2015

„. . . איז משמע פון דעם ניגון אז אהה איז דער עכטער ווערט“

אדער איז דערפון משמע אז דער רבי זאגט אזוי.

**שמערל** • 6טן סעפטעמבער 2015

או יש לומר אז דער ניגון גייט נישט אזוי.
עס גייט, דער רבי לערנט קליינע קינדערלעך דעם אלף בית, (גראמט מיט הייס)

**ציבעלע-קיגל** • 8טן סעפטעמבער 2015

איין זאך איז זיכער. דער בעש"ט האט נישט געהאט די הברה וואס מען רופט היינט חסידיש.
BOOREECH.

ווייל די געגענט ווי ער איז אויפגעוואקסן און געוואוינט האט מען געזאגט .BORUCH
און ער האט נישט געוואוינט און אונגארין און אויך נישט אין ווילאמסבורג.

הומאר

# דער ניגון: אברהמ'על מלמד

א קינדער־ליד וואס יעדער קען אויף אויסווייניג – און א מיליארד קשיות דערויף. פארוואס נעמט מען אים נישט ארויס פונעם שניי?

פון **Yentash**

די ערשטע חסידיש בלאגס • מסכת יענטאאש • „דער ניגון: 'אברהמ'לע מלמד" • 25סטן יוני 2006
https://ershteblogs.sites.tab.bot/yentash/2006/06/6.html

אברהמ'על מלמד ליגט אין שניי, אוי ווייי געב מיך טיי
די טיי איז ביטער, געמעך צוקער
די ציקער איז זיס, לעק דיין פיס
די פיס איז נאס, גיי אין גאס
אין גאס האב איך מורא, לערן תורה
די תורה איז הייליג, עס בייליג
די בייליג איז פארדארבן, המן איז געשטארבן
יעקב אבינו איז געבוירן . . .

איימסאר, אבער אויף דעם ניגון האב איך א מיליארד קשיות און פירכות, לאמיר גיין פאוואליע, וואס האט דא פאסירט?:

דער ר' 'אברהמ'על מלמד' דער ליגט נעבעך אין שניי..., מ'העמיר יעצט נישט אריינגיין אין דעם ווער עס האט אים דארט אריינגעווארפן, דער מציאות איז אז ער ליגט אין שניי, יא?, אקעי, יעצט איז דאך לכאורה פארשטענדליך דער 'אוי ווייי געב מיך טיי', פשוט, עס איז אים ביטערליך קאלט, ער ליגט פארפרוירן אין שניי שרייט ער 'אוי וויי' און ער בעט זיך 'געב מיך טיי', פיין. אבער העי' איין מינוט! וואסארא טיי אין קאפ אריין? נעמטס אים ארויס פון דארט און פארטיג ניין?!!!, נאכדעם אז איר ווילט אים דערווארעמען אביסל פונעם פראסט דאן קענט איר אים דערלאנגען א הייסן טיי אבער 'פוירסט טינגס פוירסט' זעטס אים ארויס פונעם שניי!!....., אקעי אז עטס זענטס אכזרים און איר ווילט אים נישט ארויסנעמען טעליעסט גיב אים כאטש דעם טיי!!!.... ניין, הייבן זע אן ארומדרייען מיט דער צונג 'עה כ'וויס... די טיי איז ביטער.... בלא בלא בלא' פאר א גוט יאר וואסארא תירוץ אין קאפ אריין איז דאס?!!!!.... ער בעט זיך ווי א גזלן גיב מיך טיי!!! גיב אים שוין דעם טיי און פערטיג!!!......

נו שוין ער דער 'אברהמ'עלע' נעבעך וויל דאך נישט אריינגיין אין קיינע וויכוחים יעצט, ס'איז אים דאך ביטער קאלט.... גיבט ער נאך, 'נו שוין... אז ס'איז ביטער נו 'געמיר צוקער'....., העעע... קומען זע מיט א גאנצע טענה 'די צוקער איז זיס.....' איר הערט א גערעדעכץ? ס'איז זיס!!.... נו וואדע איז עס זיס דאס איז דאך דע חכמה!!!! צו מאכן זיס די ביטערע טיי!!.... זע לאזן נישט נאך די רשעים זיי מאכן אים נאך צו שפאט און הייסן אים 'לעך דיין פוס'....... וואסארא אכזורים!!!!!!......

דער אברהמ'עלע ליגט נעבעך דארט אזוי אין דעם שניי, די ציינער קלאפן זיך אים איינע דאס אנדערע, די נאז רינט אים ווי א קוואל, ער היסט ביטערליך, ער פרירט פאר קעלט... נו זאל ער זיך גיין איינרייסן מיט דער חברה??.... גיבט ער זע נאך און זאגטסע 'ההממממ... אנטשולדיגט... די פיס איז נאס.....', דעי חברה גייען ווייטער אן מיט דער רציחה.... 'גיי אין גאס!!!' שרייען זע אים.... איר הערט??, איין מינוט קודם כל... ער איז דאך יעצט אין גאס ניין??!!... און אפילו ווען נישט אזוי ענטפערט מען??!!!....

דער אברהמ'עלע זעט דאך אז ער האט נישט קיין ברירה שפילט ער מיט און זאגט מיט א צעבראכן קול 'אין גאס האבעך מורא.....', קומען זיי אן מיט א טענה 'לערן תורה....!!!...', איר הערט א חוצפה! די קליינע ראצערלעך די לאבאווצעס גייען זאגן דעם תלמיד חכם ר' אברהמ'עלע'ן דעם מלמד נישט מער און נישט ווייניגער ווי 'לערן תורה'...., נו שוין ענפערט ער צעבראכן 'די תורה איז הייליג'....,

גראדע דאסמאל פארשטיי איך נישט אביסל דעם ר' אברהמ'עלע'ן, ווער זאגט אז די תורה איז נישט הייליג? און אז ס'איז הייליג איז וואס? קען מען איר נישט לערנען אין דעם שניי? די תורה ווארעמט דאך אן?, נו שוין אבער קען מען דען פרעגן קשיות אויף אים ווען ער ליגט נעבעך געפרוירן אין דעם שניי און די חברה ליצים מאכן דאס גענאר פון אים......, אבער הערט וואס די רשעים ענטפערן אים 'עס בייליג...', סתם רשעות אן קיין פשט... און נאך מערן!!!.... אפשר ברענגט איר אים א שטיקל פיינע ווארעמע בייליג??!!!!...דאס פאלט איך שוין נישט איין הא??!!!....

עניוועי דא ווערט שוין דער שמועס סתם אין דער וועלט אריין פארדארבן, געשטארבן, געבוירן, אהין און צוריק..... אבער וואס איז געווארן פון דעם ר' אברהמ'עלע נעבעך?????.....

קורץ און שארף

# פערל פון די ארכיוון

פיר קורצע שטיקלעך פון חדר און שולע: וואס ליגט אין דעם מלמד'ס טאשקע, א „האטליין“ פאר טאטעס, ווען שיקט מען א קינד אין חדר, און וויפיל פורים־געלט גיט מען דעם רבי'ן.

## וואס ליגט אין דעם מלמד'ס טאשקע?

**ליטוואק פון בודאפעסט:**

איך בין נעכטן נאכט געווען אין PTA און איינער האט מיר געבעטן איך זאל פאר אים כאפן א בילד פון וואס ס'געפונט זיך אינ'ם מלמד'ס טאשקע. ער האט זיך אייביג געוואונדערט וואס דארפן נאר מלמדים און בי ענד עיטש ארבעטארערס אזא טאשקע און קיין אנדערע נישט. וואס האלטן זיי שוין דארט אז מ'דארף עס יעדן טאג ערליכעהייט נעמען מיט זיך צום חדר צו דעם ספעציעלן בי ענד עיטש באס? וואס באהאלטן זיי שוין דארט? זייט קינדווייז האט עס יענער גע'ענגבערט, און יעצט וויל ער א תשובה.

דער מלמד האט מיר א בליק געגעבן אין זיין טאשקע, אבער נישט צוגעלאזט קיין פיקטשערס מיט מיין סמארטפאון, הגם ער האט אויך א סמארטפאון. דא אבער האט זיך געצויגן א פלפול אין אין אדם חוטא ולא לו וואס איך האב אפגעשלאגן און ער האט מיר שיער געשלאגן.

עכ"פ, אין דער טאשקע האב איך געזען:-
א. אן עפעל וואס איז קדוש בקדושת שביעית. פרעגסטו אוודאי' ווי איך קען באמערקן קדושת שביעית דערויף? פשוט! קודם ווייל איך האב בירושה פון עלטע זיידן א חוש אין קדושה, און בפרט ביי עפלעך. ווייז מיר אן עפעל און איך וועל דיר זאגן צו א צדיק האט עס געווארפן אום שמיני עצרת, אדער סתם איינער האט עס געווארפן אויף זיין יונגערע ברודער. אויכ'ט האט דער עפעל אויסגעזען ווי ער איז נאך דארט פון שמיטה וואס ארויסווארפן מעג ער נישט. ער פלאנט דאס צו עסן ווען ער ווערט הונגעריג אין מיט'ן טאג, זאגט ער מיר (דער מלמד, נישט דער עפעל. ער לייקענט שטיין און ביין)
ב. זיבן (אדער זיבעצן, איך בין נישט זיכער) פענס, פון פארשידענע באנקס און צדקה אקציעס. ער זאגט מיר אז נאר צוויי ארבעטן, און נעקסטע מאל ער וועט דארפן א פען, וועט ער אויספראבירן. אין צוועלף יאר איז עס אים נישט צושטאנד געקומען, אבער דער טאג קומט באלד.
ג. א בחינה וואס א אינגעל האט אריינגעגעבן עטליכע יאר צוריק, אן א נאמען. ווען דאס קינד וועט עס אים בעטן, וועט ער עס אים קענען גלייך צוריק געבן.
ד. א מאראנץ. דאס איז די ערשטער וואס איינער האט געווארפן אויף אים און ער ווייסט נישט ווער. זייט דעמאלס האט ער געכאפט אז ווען ער נעמט צוזאמען אלע מאראנצן וואס מ'ווארפט אויף אים, וועט ער נישט האבן קיין פלאץ אין טאשקע פאר אלע אנדערע וויכטיגע געצייג.
ה. צען באקסעס קרייד, וואס ער האט אמאל געקויפט ביליג אין קאסטקא. דער חדר איז אריבער צו די נייע טאוולען אויף וואס מ'נוצט א מארקער, און ער איז געבליבן שטעקן מיט דער קרייד.
ו. א צעטעל מיט זיין נאמען און טלפון נומער, על כל צרה שלא תבוא. טאמער ער פארגעסט זיין נאמען, קען ער שנעל כאפן א בליק. ס'איז אים שוין צוויי געקומען. איך האב אים געפרעגט 'אז דיין נאמען האסטו פארגעסן, ט'ווי וועסטו געדענקען דער קאמבינעישען?' ער האט מיר אנגעקוקט מיט קעלבענע אויגן, נישט פארשטייענדיג די שאלה.
ז. איין שוך. ער זוכט נאך זיין פארעל.
ח. א פאפיער מיט אנווייזונגען וויאזוי אנצוקומען צום מלמדים'ס צימער, וואס מ'טיילט צו אלע מלמדים אנהייב יאר. אזוי ווייסן זיי אז זיי זענען מלמדים נישט קינדער. ווייל זיי האבן די צעטעלע.

קאווע שטיבל • 1טן מערץ 2017
https://kaveshtiebel.sites.tab.bot/t/11345.html

## א „האטליין“ פאר טאטעס

**קינות גירושין:**

שוין א שטיק צייט וואס איך מיטשע זיך מיט די פראבלעם, ווען איך לערן מיט מיין אינגעל, ווייס איך נישט וויפיל צו פארלאנגען פון עם, כווייס דאך נישט וויפיל זיין רבי האט פארגלערנט אין חדר, און אסאך מאל מאכט זיך אן אנדערע פראבלעם, אז כוויל עם עפעס מסביר זיין אבער כוועל נישט טרעפן די ריכטיגע ווערטער עם דאס צו מסברן, שפעטער סוף וואך ווען מיין אינגעל קען שוין די שטיקעל גמ זע איך ווי גוט און קלאר זיין רבי האט דאס מסבר געווען (סאיז פשט, אז זיי זענען בעסער גלערנט וויאזוי צו מסבר זיין פאר א אינגעל אין דעם יארגאנג)

האב איך גקלערט אז סוואלט ווען גקענט זיין א געוואלדיגע תועלת אז דער רבי זאל אריין זאגן דעם וואכעדיגן שיעור איו א האטליין, אז די טאטעס זאלן דאס הערן און סוואלט אויף געטון 1) אז דער טאטע ווען ער וויל איבערלערענען מיטן קינד זאל ער האבן די ריכטיגע ווערטער 2) דער טאטע זעל וויסן וויפיל דאס קינד האלט למעשה מיט דעם שיעור 3) פאר די טאטעס וואס סקומט זיי שווער אן זיך פארצוקוקן די גמ כדי צו קענען פארהערן דאס קינד סוף וואך קען זיך דורך דעם העלפן

**פאטעטע טשיפס:**

עס איז גראדע דא א חסיד'ישע חיידער אין מאנסי [וואס ווי באוואוסט איז דארט דא מער "שניי טעג", ווי טעג וואס ס'איז יא דא חיידער... האבן זיי איינגעפירט דעם האטליין] וואס פארמאגט אזא האטליין --- ממנו ילמדו וכן יעשו!!!

יעדער מלמד פארמאגט א באזונדערע קנעפל וואו ער לאזט איבער א קורצע מעלדונג צו די קינדער פון זיין קלאס, חיזוק אד"ג און וואס מ'ברויך לערנען אינדערהיים. יש עוד פרטים ואכמ"ל כאן מפני שיור הגליון...

קאווע שטיבל • 16טן–17טן פעברואר 2014
https://kaveshtiebel.sites.tab.bot/t/5894.html

## ווי אלט שיקט מען א קינד אין חדר?

**לאוולי:**

אזוי ווי דבר יום ביומו פאר מענער איז דא א צעטל אשת חיל פאר פרויען וואס מקען באקומען אין דער גראסערי, און איז סאך בעסער און שענער צוגעשטעלט (לעידיס פורסט שטייט דאך געשריבן).

זיי האבן איין זאך וואס איז זייער גוט וואס יעדע וואך לייגט מען אזא סורוועי, וואס איז אינטערעסאנט צו ברענגען דא פאר די מענער וואס קומען נישט אן צו דעם און אויך סתם עס דורכצושמועסן.

פאריגע וואך איז געווען די פראגע ויפיל יאר קינדער זאלן זיין ווען מען קען זיי שוין שיקן אין חדר אדער סקול.

היינט האט מען געוויזן די רעזולטס.

16 פראצענט זאגן אז מען זאל שוין קענען שיקן קינדער ביי די צוויי יאר.

73 זאגן אז פון 2 א האלב ביז 2 און א דריי פערטל.

11 זאגן אז ביי די דריי יאר.

פארוואס יעדער זאגט אזוי קען מען גיין אין גראסערי זען. מיינע פינגער טוען מיר שוין וויי. סארי.

**ישראל_הלוי:**

איך בין ווי די 73 פראצענט, איך האב געשיקט מיינע טייערע קינדערלעך ביי צווי מיט אהאלב, און איך בין ב"ה זייער צופרידן. זיי רעדן שוין אביסל דעמאלטס. אבער באמת איז עס תלוי אין דעם מהות פונעם קינד, די טאטע מאמע דארפן דאס באשליסן ולא ראי זה כראי זה.

**האלבערשטאם:**

צווישן צוויי ביז צוויי מיט א האלב.

היידפארק • 9טן מאי 2007
https://hydepark.sites.tab.bot/t/2203428.html

## וויפיל פורים־געלט פאר'ן רבי'ן?

**דולה ומשקה:**

דאס איז א שווערע שאלה, דאס איז תלוי ווי א שווער קינד דער מדובר איז, ווי שטארק דארף זיך דער מלמד אפגעבן מיט אים. והשנית פארשטייט זיך ווי טיף ארייין אין אייער קעשענע קען אייער האנט דערגרייכן. איז אזוי, די פראגע איז ווי אזוי טוט דער המון עם?

באס דרייווער $10

באס מלמד $10

מלמד $50 ספעציעלע קינד $75-100

טיטשער (אינגעל) $25

טיטשער (מיידעל) $15 היות דארט איז דא מערערע טיטשערס

**משולם שטייגפעלד:**

איך האב געגעבן טשעקס פאר פיר באס טיטשערס. איטליכע פון צען דאללער. איינס איז נאך נישט דעפאזיטעד געווארן.

מיינט דאס אז יענער האלט אז מען האט איר געגעבן צו ווייניג?

**שמואל הלוי:**

מוז נישט זיין, די טשעק דרייט זיך מסתמא ארום פון מעכיל צו רעכיל, ביז ס'וועט ענדגילטיג אנקומען אין באנק.

קאווע שטיבל • 6טן מערץ – 5טן יוני 2012
https://kaveshtiebel.sites.tab.bot/t/101.html

---

היסטאריע

# היינט מיט . . . יאר צוריק

וואס האט מען געשריבן אויף די פארומס אויף דעם זעלבן טאג, דעם 1טן פעברואר, אין פריערדיגע יארן? א „מלאך“ פאר ארויסגעפאלענע ציינדלעך, און א שבת מיט א ראש ישיבה.

22
יאר צוריק
2005

## מלאך געט קוואדער פאר ארויסגעפאלענע ציין?

**משהבערבעך** • הײדפּארק • חדשות אנ"ש אין בילדער • 1טן פעברואר 2005

פון וואו שטאמט דאס אז א "מלאך" געט א קוואדער פאר אן ארויסגעפאלענע ציין?

איז דאס סתם א "חיזוק" פארן קינד, אז א "מלאך" קומט צו "אים" בכבודו ובעצמו, און לייגט אים אריין א קוואדער, אינטערן קישן?

אדער איז דאס סתם זיך משוגע צו מאכן!

אדער האט עס טאקע "עפעס אן ערנסטן מקור"!

„tzvibp28“: כ'האב מורא אז ס'שטאמט פון די TOOTH FAIRY

„באראפארקער“: מיין מלאך געט דאלארן. איך ווייס נישט ווי דער מקור איז, אבער עס איז בדוק ומנוסה.

https://hydepark.sites.tab.bot/t/1269023.html

23
יאר צוריק
2004

## א שבת מיטן ראש ישיבת לוצערן

**jewboy** • הײדפּארק • חדשות אנ"ש אין בילדער • 1טן פעברואר 2004

א קליינעם באריכט פונעם שבת מיטן ראש ישיבת לוצערן.

פרייטיג מיטאג האט מען שוין געזען ווי די פארקינג לאט פון דעם גרויסן ווינדעם האטעל ווערט פילער אין פילער מיט קארס פון ארום דער גאנצער וועלט. ניו יארקער, ניו ג'ערסי, מאנטריאלער, טוראנטו'ר, אוהייהאער, פליעט'ס.

די יוצאי ישיבה יונגלייט האבן איבער גענומען קאנטרול אויף דעם האטעל, עס איז געווען רגעסטרציע קאנטער טישן, ווי מען האט באקומען שליסלעך צו די שיינע הערליכע צימערן, אנשטאט די גויים וואס ארבעטן דארט האט מען געזען די יונגעלייט מיט די שטריימלעך און היטן שטייען ביים קאנטער און נעמען קעיר פון די ג'אסט געקומענע געסט.

ארום 3:00 אזייגער האט זיך דער עולם געזעצט צו דער ווארימער טועמיה וואס איז געווען צוגעגרייט ביי שיין געדעקטע טישן.

3:30 האט דער ראש ישיבה אנגעהויבן צו פארלערנען א חומש רשי שיעור מיט שיינע אינטערסאנטע פערל ווערטער.

שבת איז אויך געווען זייער שיין און אין אינטערעסאנט, וואס מען קען עס נישט באשרייבן מיט צען פינגערס.

איבער 250 צימערן זענען געווען פארדינגען במשך דעם שבת פארן עולם, און דאס איז אינקלאדעט געסט פון ארץ ישראל, לונדון, קנדה, די אויסלענדישע געסט זענען געקומען ספעציעל מיט צו האלטן דעם געהויבענעם שבת.

מוצ"ש האט זיך אנגעהויבן א רייכער פראגראם, עס האבן זיך באטייליגט טויזנטער טויזענטער, פון אלע עקן פון ניו יארק און אין דער וועלט.

היינט וועט דער ראש ישיבה ווילן אין מאנסי.

https://hydepark.sites.tab.bot/t/785214.html

קאלום

# די תגובה פון דער וואך

אינעם שמועס „דער חינוך מיטאס" (זעט „א שמועס פון דער וואך") האט מען זיך געדינגט צי א טאטע טאר באשטימען וואס פון זיין קינד זאל ווערן. „וכדומה.." האט צוגעברענגט א ווארט פון ר' יעקב קאמענעצקי:

די רמ"א אין יו"ד סוף סימן פ"א, פסקנט אז אפילו בעצם איז מותר פאר א תינוק יונק צו זיין חלב פון א נכרית, זאל מען זיך צירוק האלטן דערפון ווייל סאיז מטמטם הלב, און סקען שאטן פארן קינד בזקנותו.

איז די גר"א אויפן פלאץ ברענגט אראפ דארט אלס א מקור דערצו, די מדרש אז משה רבנו אלס קליין קינד האט נישט געוואלט זייגן פון א מצרית, און האט נאר יונק געווען חלב פון א אידישע פרוי, פה שעתיד לדבר עם שהכינה וכו'.

קומט ר' יעקב קאמנצקי און פרעגט, אז מפסקנט א הלכה אין שלחן ערוך קען מען נישט ברענגען קיין ראיות פון דעם גרעסטן מענטש ביי אידן, משה רבנו, אלעס וואס סאיז מותר ע"פ הלכה שטימט מיט די מדריגות וואס משה רבנו איז געווען? איז וואס איז פשט דאס צו צושטעלן אלס מקור.

דער תירוץ איז, זאגט ער, דו טאטע האסט נישט קיין רעכט אפצוסטעמפלען וועלכע מדריגה דו ווילסט דיין קינד זאל אויסוואקסן, יעדער ווערט געבוירן מיט אלע רעכטן אויסצואוואקסן ווי גרויס סאיז נאר מעגליך, ווער בוסטו אריינצורעדן אינדעם און זאגן, נע קיין משה רבנו וועט ער סייווי נישט זיין, יא פאר דיר אליינס קענסטו אפמאכן און נישט מקפיד זיין אויף געוויסע זאכן, אבער פארן קינד? וואסערע רעכט האסטו אים אריינצולייגן אין א געוויסע קאטאגאריע און דערפאר זאגן אז גויאישע מילך מעג ער טרינקען.

וכדומה.. • קאווע שטיבל • 7טן יולי 2015

https://kaveshtiebel.sites.tab.bot/t/9107-2.html

מקורות

# פון וואו די שטיקער קומען

אלע שטיקער אין דעם נומער זענען גענומען פון די ארכיוון אויף archiv.sites.tab.bot. ביי יעדן שטיק: דער ארכיוו, דער פארום, דער אשכול, דער ניק פונעם שרייבער, דער דאטום, און דער לינק.

| | |
|---|---|
| **הויפט־ארטיקל** | „ענייני שלא לשמה אין חינוך“ · **ליטוואק פון בודאפעסט**<br>קאווע שטיבל · חינוך · אשכול „ענייני שלא לשמה אין חינוך“ · 24סטן יאנואר 2016<br>https://kaveshtiebel.sites.tab.bot/t/10068.html |
| **א שמועס פון דער וואך** | „דער חינוך מיתוס“ · **יאיר, אפטעמיסט, פלאוויוס און אנדערע**<br>קאווע שטיבל · תורה און מחשבה · אשכול „דער חינוך מיתוס“ · 15טן–18טן יוני 2015<br>https://kaveshtiebel.sites.tab.bot/t/9107.html |
| **וויסנשאפט • מאטעמאטיק** | „דער טויער צו מאטעמאטיק“ · **פארוואס? און די ליינער**<br>קאווע שטיבל · וויסנשאפט · אשכול „דער טויער צו מאטעמאטיק“ · 23סטן אקטאבער 2014<br>https://kaveshtiebel.sites.tab.bot/t/7427.html |
| **היסטאריע** | „היסטאריע פון בחורישע גליונות“ · **שמעלקא'לע**<br>קאווע שטיבל · היסטאריע · אשכול „היסטאריע פון בחורישע גליונות“ · 5טן דעצעמבער 2016<br>https://kaveshtiebel.sites.tab.bot/t/11132.html |
| **איבערלעבונגען** | „א מלמד דערציילט“ · **שאץ מאץ**<br>די ערשטע חסידישע בלאגס · שאץ מאץ · אשכול „מלמד קינדערגארטען; מלמד דערציילט: טאטעס אין די אויגן פון קינדער“ · 13טן–14טן אפריל 2010<br>https://ershteblogs.sites.tab.bot/shatzmatz/2010/04/24.html |
| **קולטור • שפראך און מסורה** | „קמץ אלף – בכלל נישט אזוי פשוט“ · **קמץ אלף און די ליינער**<br>קאווע שטיבל · קאווע שטיבל · אשכול „קמץ אלף - בכלל נישט אזוי פשוט“ · 4טן–8טן סעפטעמבער 2015<br>https://kaveshtiebel.sites.tab.bot/t/9550.html |
| **הומאר** | „דער ניגון: אברהמ'עלע מלמד“ · **Yentash**<br>די ערשטע חסידישע בלאגס · מסכת יענטאאש · אשכול „דער ניגון: 'אברהמ'לע מלמד“ · 25סטן יוני 2006<br>https://ershteblogs.sites.tab.bot/yentash/2006/06/6.html |
| **היינט מיט 22 יאר צוריק** | „מלאך געט קוואדער פאר ארויסגעפאלענע ציין?“ · **משהבערבעק** · הײדפארק · חדשות אנ"ש אין בילדער · 1טן פעברואר 2005<br>https://hydepark.sites.tab.bot/t/1269023.html |
| **היינט מיט 23 יאר צוריק** | „א שבת מיטן ראש ישיבת לוצערן“ · **jewboy** · הײדפארק · חדשות אנ"ש אין בילדער · 1טן פעברואר 2004<br>https://hydepark.sites.tab.bot/t/785214.html |
| **פערל פון די ארכיוון** | „וואס ליגט אין דעם מלמד'ס טאשקע?“ · **ליטוואק פון בודאפעסט** · קאווע שטיבל · 1טן מערץ 2017<br>https://kaveshtiebel.sites.tab.bot/t/11345.html |
| **פערל פון די ארכיוון** | „א „האטליין“ פאר טאטעס“ · **קינות גירושין / פאטעטא טשיפס** · קאווע שטיבל · 16טן–17טן פעברואר 2014<br>https://kaveshtiebel.sites.tab.bot/t/5894.html |
| **פערל פון די ארכיוון** | „ווי אלט שיקט מען א קינד אין חדר?“ · **לאוולי / ישראל_הלוי / האלבערשטאם** · הײדפארק · 9טן מאי 2007<br>https://hydepark.sites.tab.bot/t/2203428.html |
| **פערל פון די ארכיוון** | „וויפיל פורים־געלט פאר'ן רבי'ן?“ · **דולה ומשקה / משולם שטיינפעלד / שמואל הלוי** · קאווע שטיבל · 6טן מערץ – 5טן יוני 2012<br>https://kaveshtiebel.sites.tab.bot/t/101.html |
| **די תגובה פון דער וואך** | **וכדומה..** · קאווע שטיבל · 7טן יולי 2015<br>https://kaveshtiebel.sites.tab.bot/t/9107-2.html |

**אין דעם קומענדיגן נומער:** דאנערשטאג, דעם 4טן פעברואר – נומער 31, אויף פרשת משפטים; מאנטאג, דעם 8טן פעברואר – נומער 32

„ארכיוו“ • אויסגעקליבן און מגיה געווען פון די אידישע פארומס און בלאגס • די ווערטער געהערן צו זייערע שרייבער.